און יונגוואַרג צעהיצטע, וואָס שלינגען דעם שיין —
אַלע, אַ, אַלע געבענטשט זאָלט איר זיין !

און אויך אויגן פאַרגרויטע,
שוין יאָרן פאַרגויטע,
פאַרפרעמדטע, פאַרשעמטע,
באַרויִשט און פאַרחידושט,

אויך איר קוקט מיר אויס דאָ
פאַריונגט און פאַריידושט.
און אפילו אינגאַנצן אַן גלויבן, אַן לשון —
צעצינדט זיך, צעצינדט זיך, און ווערט ניט פאַרלאָשן !

יידישע אויגן צו טריישאַפט דערצויגן,
היט אַפ אייער גלאַנץ און פאַרטיפט אייער פּראַכט,
פאַר אייך איז דער נס
פונעם כבוד פאַרטראַכט !

גליט אין אים העלער און וואַקסט אין אים דרייסטער,
געלויבט איז ישראל וואָס קאָן זיין אַזאַ טרייסטער.
דערפרייטע, געקריטע, געדענקט : אחישנה.
נחמו, נחמו, און הלואי ותחזינה !

ביים שליסן דעם נומער איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז דער געוועזענער ישראל פּרעזידענט, זלמן שזר, איז נפטר געוואָרן — חבל על דאבדין !

---

יידישער וועלט־קאָנגרעס (יידישער קאָמיטעט) און יידישער
זשורנאַליסטן און ליטעראַטן פאַריין

---

פאַרזאַמלונג
זונטיק, דעם 20־טן אָקטאָבער, 1974, פּונקט 3 אַ זייגער
21, DEAN STREET, LONDON, W.1.
„דאָס יאָר תשל״ד— 5734 — אים יידישן לעבן״

מדינת ישראל ............ שמואל גאָלדשמידט
די יידישע תפוצות ............ י. זאַנטאַג
אונזערע ליטעראַטורן ............ י. ח. קלינגער
פראַגן און תשובות
פאָרזיצער : יוסף פרענקעל

---

איינטריט פריי — קומט אין צייט

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

11־12 431־430 35/טער יאָרגאַנג נאָוו.־דעצעמבער 1974 לאָנדאָן

אינהאַלט:

חנוכה־ליכטלעך היי־יאָר ............ 3
די מכבי ליכטלעך — טעקסט א. נ. שטענצל, מוזיק מאיר באָגדאַנסקי 12
דער גרויסער ייד פון מאַטעלע ............ ק. י. האָניג 14
די פאַרלעזונג לזכרון פון חיים ווייצמאַן הונדערט יאָר נאָך זיין געבורט.
............ דוד בערמאַן 15
זכרונות וועגן זלמן שזר ............ אייזיק גאָלדבערג 17
חיה ראָזענפאַרבס „דער בוים פון לעבן״ ............ יצחק יאַנאַסאָוויטש 20
ווי ברוגז וואַנדלען מיר (ליד) ............ שמעון וויזעק 25
מיין ערשטע „קאַפּאָוטע״ אין ווייטשעפּל ............ א. נ. שטענצל 26
צו משה עובד ............ מרדכי נאַרקיס 30
ווען שיר השירים איז געווען אין געפאַר ............ ל. ש. קרעדיטאָר 38
עס לויפן די יאָרן (ליד) ............ חיים אַלבאַם 44
רחל רעליס — דאָס זינגענדיקע פייגעלע ............ סעם גאָלדבערג 44
אַ שטעקעלע אַריין, אַ שטעקעלע אַרויס ............ ש. 45
נס חנוכה (ליד) ............ יוסף הלל לעווי 51
מוזיק מאיר באָגדאַנסקי ............ 52
לאָנדאָנער קולטור ידיעות

## לאנדאנער קולטור ידיעות

דער ענגלישער פען־קלוב האט ארויסגעגעבן אן אנטעלאגיע פון דער יידישער ליטעראטור. די איבערזעצונג איז פון יוסף לעפטוויטש.

דעם 11׳טן דעצעמבער ווערט אין פען־קלוב איינגעארדנט אן אוונט לכבוד דער יידיש־אנטאלאגיע. דער צווייטער טייל פון אוונט וועט זיין געווידמעט דער איצטיקער העברעאישע ליטעראטור׳ עס וועלן ריידן בנימין תמוז, ט. קרמי, פארזיץ דן יאקאבזאן.

אין דער ביבליאטעק בענקראף־ראד איז אן אויסשטעלונג 300 יאר יידיש ווייטשעפל. אויך יידישע און העברעאישע צייטונגען, זשורנאלן, יידיש־טעאטער איז אויף דער אויסשטעלונג פארטרעטן׳

דער טשיף ראביי דר. עמנואל יאקובאוויטש האט פערבראכט א שבת אין ווייטשעפל. געהאלטן א דרשה אין דער יוניי־טעד־סטעפני סינאגאגע׳ רעוו. בערגערמאן, דער ראביי פון דער סינאגאגע האט דעם חשובן גאסט באגריסט. מ׳האט צווישן עולם געזען פארשטייער פון ווייטשעפל שולן.

רעזשיסאר פון יידישן טעאטער אין רומעניע, איזא שאפירא איז געווען אין לאנדאן אויף א באזוך און האט דערציילט פון יידישן לעבן אין רומעניע; פון דער יידישער שרייבער גרופע, קולטור־טוער, און אקטיארן.

אין מאנשעסטער ווערט אנגעפירט א יידיש־קלאס פון דער קאנטי־קאנסל, ווו מ׳לערנט יידיש׳

אנשל רייז פון ישראל איז דא אין לאנדאן אויף א באזוך.

דר. סעלינא סאקאלאוו, די טאכטער פון נחום סאקאלאוו געפינט זיך אין שפיטאל. מיר ווינטשן איר א רפואה שלימה׳

בתיה זאנטאג, די פרוי פון י. זאנטאג האט מיטגעמאכט א אפעראציע. מיר ווינטשן איר א רפואה שלימה.

דער באקאנטער זשורנאליסט, יואל צאנג, קאסירער פון יידישן שרייבער און זשורנאליסטן פעראיין איז געשטארבן, יוסף לעפטוויטש האט אים מספיד געווען׳

משה טאר, א באקאנטער ווילנער יידישער קולטור־מיטגרינדער פון ייווא איז געשטארבן.

דער פעראיין פון יונגע ציוניסטן האט אין קאמענוועלט־אינסטיטוט אויפגעפירט א שפיל „מאמע לשון״. פערפאסט און סצעני־זירט פון ייגגן ענגליש יידישן פאעט דערעק ריין.

דער באקאנטער זינגער און אקטיאר סעם גאלדבערג האט דעם 19 דעצעמבער זיין יערלעכן גרויסן אוונט פון רעציטאציעס הומאר און געזאנג.

דער דער יידישער וועלט־קאנגרעס און דער יידישער זשורנאליסטן און שרייבער פעראיין האבן אויפגענומען דעם ישראל שרייבער יצחק קארן ביי א גלעזל טיי מיט פארבייסן׳

די יידישע „חברים גרופע״ וואס גייען אן מיט זייערע טעאטער אויפירונגען איבער אלע געגנדן פון לאנדאן האבן לעצטן חודש אויפגעפירט הערי אריאלס מעלאדראמע אין ווייטשעפל אין „ברעדי קלוב״ מיט גרויס דערפאלג.

גאלדא מייערס רעפעראט אין אלבערט־האל האט צוגעצויגן אן עולם פון טויזנטער און טויזנטער מענטשן — עס איז געווען א געוואלטיקע דעמאנסטראציע פאר ישראל.

ביי די לעצטע שבת נאכמיטאגס ווו י. א׳ ליסקי האט גערעדט איבער דער לאגע איצט אין ישראל און סעם לעוו, אברהם ערלעכמאן איבערן ענגליש־פאליטיש מצב האבן זיך באטייליקט מיט לייענען און רעציטירנעט רובין, אייזיק גאלדבערג, אסתר ערלעכמאן און נ. ה. בענקוויטש, מיט זינגען: סעם גאלדבערג, מאיר באגדאנסקי און רות באכנער׳

איינער פון די לעצטע שבתים איז געווען געווידמעט דער 100טער געבוירן יאר פון דר. חיים וויצמאן דעם ערשטן פרעזידענט פון ישראל און זלמן רייזין, דעם ערשטן צונויפשטעלער פון לעקסיקאן פון דער יידישער ליטעראטור.

י. ח׳ קלינגער פארט אויף א לעקציע קיין ישראל.

דער באקאנטער היימישער ישראל חזן נח קאפלאן געפינט זיך אין יידישן שפיטאל. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

קומענדיקן חודש וועט זיין צוגאסט דא אין לאנדאן דער באקאנטער סאוויעטישער יידישער שרייבער, וואס האט עולה געווען קיין ישראל יעקב יאקיר.

ביית חנוכה קאנצערט אין אדלער־סטר. האט אייזיק גאלדבערג געזונגען חנוכה־לידער פון י. ל. פרץ א א.

אן אייניקל פון פאעט יוס הלל לעווי האט חתונה קומענדיקן חודש׳ זאגן מיר מזל־טוב מרים לעווי, די אלמנה פונם פאעט, די מחותנים און די גאנצע משפחה.

רות באכנער, די זינגערין ביי שבת־נאכמיטאגס פארט אפ אויף א לענגערע נסיעה קיין אמעריקע.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

11־12 430־31 35׳טער יארגאנג נאוו.־דעצעמבער 1974 לאנדאן

## חנוכה - ליכטלעך האיאר

חנוכה־ליכטלעך אנצינדן אצינד, א,
אז עס ציטערן אזוי די הענט ?
לעצטער עוקץ שמן־זית בוימאייל,
וואס איז ניסים־קריגל נאך געבליבן,
אינגאנצן שוין איז דאך אויסגעברענט !

יא, דאס לעצטע פלעמל פונם הארצן,
אויב א הארץ איבערהויפט דו נאך האסט !
בלויז פון וואס דאס קנייטל איצט אויסדרייען ?
פונם לעצטן יידישן אדער, אויב
אין דיר נאך איינעם איבערגעלאזט.

די פינסטערניש אויף דער יידישער גאס,
ס׳שטיקל ליכט אונזערס — ארץ־ישראל !
„מי כמוך באלים ה׳״ — — —
אויב נישט משיח שוין — א מכבי כאטש
שיק אונז איצט צו, ווי דעמלט אמאל.

## די פינף זין מתתיהו׳ס

אלע זיבע פינף זין מתתיהו׳ס
ס׳לעבן פאר זייער לאנד אוועקגעגעבן,
אז אצינדערט נאך, נאך צוויי טויזנט יאר שוין,
כוח מיר האבן צו ראנגלען פארן לעבן.

אלע אייל־קוואלן־מיילער פארזיגלען ס׳וועט
אונזער מעשהלע פונם בוימאייל קריגל — — —
מיט יענעם מעשהלע יידישע מאמע
ליולט נאך איין איצט איר קינדס געוויין אין וויגל.

באמענלאזנע מאמע אין ישראל אצינד,
וואס איר גבור־קינד אין קריג האט פארלוירן,
אויף איר בראך־ישטול אין ווייען אויפגעציטערט,
ס׳יידישע לאנד אין בלוט צוריק געבוירן.

האבן די פינף זין קיין מאמע נישט געהאט,
פארוואס אין ערגעץ נישט דערמאנט איר נאמען?
צו הייליק, מסתמא, ס׳איז אזא מאמע — —
געהייליקט און געבענטשט איר נאמען — אמן!

נאך צוויי טויזנט יאר נאך, אבער און ווידער,
לידער מ׳וועט זינגען פאר יידישע מאמעס,
ווייל זייערע קינדער צוריק געוואונען
פאר אונזער טראט זיכערע דלד־אמות.

## בימים ההם ובזמן הזה

די חושך־לאנגע גלות־נאכט
וויאזוי אויסהאלטן געקענט?
נר־תמיד, ניסים־מנורות
האבן אין הארץ תמיד געברענט. —

העלדן מעשות וואונדערלעכע
ס׳פארלאשענע געמיט דערפריידט;
אויגן מנורהדיק געלויכטן,
ס׳הארץ פאר פרייד — דריידלדיק געדרייט.

בגילופין, גאט־באפליגלט,
דערפלויגן איבער טיפסטן וויי;
פינסטערסטער שאטן אויף דער וואנט
פריידיק מיטגעטאנצט אין געדריי.

טא פארוואס נישט ליכטיק ווערן
דער חשכות אונזערער אצינד?
נישט נאר אמאל אין לאנד ישראל —
העלד אצינד דארט יעטוועדעס קינד!

זע, נישט בלויז „בימים ההם“ —
ניסים געשען בזמן הזה!



ווי וואונדערלעך ס׳יידישע הארץ —
אייביק דערין עס ברענט דער סנה!

לימים מ׳וועט דערציילן
פון גרויסן נס יום־כפור קריג — —
ווי פון דער פינסטערסטער געפאר
אויפגעדרייט גאר ליכטיקסטער זיג.

לעצטע מלחמה ר׳זאל שוין זיין,
ס׳קריגעלע פרייד פאר גאנצער וועלט?
א גרויס ליכטיקייט וועט אויפגיין,
הערצער צעקוועלט, אויגן צעהעלט.

איז נישט יום־כפורים געווען
פריילעכסטער יום־טוב אין ישראל?
פארוואס נישט פריידיק־געהייליקט,
צוריק גאר ווערן ווי אמאל?

## חנוכה אמאל אין שטעטל

אז די לייכטערלעך די מעשענע
פאר א לעבל־ברויט געווען פארזעצט,
צעשניטן א רויען קארטאפל
און די שבת־ליכטלעך אריינגעזעצט.

א גרויסער שאד! עס וואלט געווען
אויף פרייטאג־צו־נאכטס סעודה איינער מער;
אז ליכטיק דער שבת־קודש טיש,
מקריב צו זיין גארנישט ס׳טאר נישט זיין שווער.

חנוכה אבער, וואס ס׳זאל נישט זיין,
דאס מנורהלע אין פענסטער געשטעלט;
נישט נאר אז דער שכן זען עס זאל,
ליכטיקער ווערן אויף דער גאנצער וועלט.

אין דער גרעסטער פראסט דעם פעלץ פאזעצט
און אין פענסטער ד׳מנורה מוז שטיין;
חנוכה ס׳איז און יעדערער זאל זען,
צומאל דער גוי, וואס וועט גראד פארבייגיין.

פון פרעגלען די באטעמטע לאטקעס,
ווי ריח־נחוחדיק שטעטל געשמעקט;
מיכאלקע שכור וואקלט פארביי,
הנאהדיק די וואנסעס זיך באלעקט.

און אלץ פונם קריגעלע בוימאייל,
פארחתמעט און אין ריינקייט טיף פארשטעקט — —
פון די געזאנגען, פון „מעוז צור“,
גאנץ שטעטל בטחונדיק אויפגעוועקט.

געוואונען, אויסגענומען, שאך־מאט !
דעם לעצטן גראשן אין קאן איינגעשטעלט — —
ניטלדיקן קירכן־גלאק פארהילכט
פולע הויזן־טאשן חנוכה־געלט.

ביי די קינדערלעך די אייגעלעך,
ווי פריידיק־געלויכטן, גליקלעך־צעגלאנצט;
די שנייעלעך דרויסן פארן פענסטער,
הערצלעך זייערע האבן מיטגעטאנצט.

## קליינע מנורה - באלאדע

פון גאנצן שטעטל קיין זכר נישט מער,
איין גרויסער בארג אש פון אלץ וואס געבליבן;
מיטגעכאפט זי האט זיידנס מנורהלע
ווען מ׳האט זיי אלע קיין אוישוויץ געטריבן.

א קינד, וואס געקענט זיין טייערעס ווי דאס ?
ווי מאמע זי מיט כל־הקינצן ב׳האלטן —
זי ס׳מנורהלע ! ווי דעם זיסטן חלום
געדענקט האט דאך נאך דעם זיידן דעם אלטן.

וויאזוי זי האט עס געראטעוועט ?
א טליענדיקער פונק אונטער אן אש קופע !
אכט הבדלות האבן זיך הערין געברענט
ווען מ׳האט זי דא געפירט אונטער חופה.

ציינדט אציגד ס׳ליכטיקע קינד פון איר קינד
ס׳מנורהלע, וואס הענגט דא אויף ביישטידל,
און דאס שנ״של, וואס צאנקט ביי דער זייט,



בין איך עס דען נישט מיט מיין יידיש לידל ?

## זאת חנוכה
(באלאדע)

זיינען זיי געזעסן דער קאצקער מיט זיין איידעם,
דעם טשאכאטשאווער, ניטל אויף דער נאכט;
געשמועסט פון הבלי־עולם, דאך מורא באקומען,
ז׳וועלן חלילה פון תורה טון א טראכט.

„אפשר א שטיקל רכילותל אריינכאפן,
איבער ד׳קוויטל־נעמער נישטא געדאכט;
דעם ניי־געקרוינטן לעלעווער, כ׳מיין דעם עלעווער . . .“
האט זיך דער אלטער חוזקדיק צעלאכט.

פלינק ר׳ אברהמעלע גענומען דעם לאמטערן,
און דעם „שמש“ אין אים אריינגעשטעלט,
האבן זיך אין בית־מדרש אריין געלאזן גיין,
די חבריא טיילן חנוכה־געלד.

דארט ביי די „געקריינטע“ קוויטלעך איצט זיצט מען, שוויצט מען !
נאך איידער צו באהאלטן געהאט צייט — —
רופט זיך אן דער שווער, דער הייליקער קאצקער צדיק,
מיט א שמייכל צום איידעם אויסגעדרייט :

„לערנער טאר מען דאך נישט, טראכטן פון גאט אודאי נישט,
טא לערן דיך א קוויטל ווי מ׳נעמט“ — —
ר׳ אברהמעלע האט די אויגן אראפגעלאזט,
און דאס הארץ האט זיך אים טרויריק פארקלערט.

און ווען דער איידעם זיי פארטרערטע אויפגעהויבן,
דער שווער אין בית המדרש שוין נישט געזען;
זיך צום טיש צוגעזעצט און קומענדיקן חודש
איז די לויה דעם קאצקערס געווען —

* * *

און נישט איינמאל, גראד ווען דער טשאכאטשעווער גאון
פארטיפט איך א פילפול, אינמיטן שיעור,
זיך דערהערט א יאמערלעך געוויין און א קוויטל,
אריינפאלן דורך דער שפאלט פון דער טיר.

האט ער די פאטשיילע אויף דער אפענער גמרא,
ארויפגעלייגט געשמייכלט: „א שווער,
א שיין שטיקל מיר גוט אנגעטון”, און פון זיין אויג,
אויף קוויטל געפאלן איז שווער א טרער.

## מנורות...

די זיבן־רערנדיקע מנורה,
גאט געוויזן אויף הימל ווי זי זעט אויס,
צאנקט, צאנקט, אבער קיינמאל גייט זי נישט אויס;
כפתור ופרח! פון איין שטיק גאלד געשמידט — —
יא, אזוי מוז אויסזען דער אייביקער ייד.

א, די אכט־רערנדיקע מנורה,
וואס ווידער און ווידער אויף אונזער ערד,
מיטן שווערן האמער געקאוועט ווערט,
די רערן פול ווערן מיט טרערן און בלוט — — —
איין גאט נאר ווייסט עס פארוואס זיך אזוי טוט.

## געדריידערל...

מיטן נאקעטן, בלויזן נס־גדול שוין
דרייט זיך די ערד א בלייערן דריידל,
און אין א פאר צעדריוולטע הויזן
דרייט זיך נאך אלץ ארום ס׳צעדרייטע שניידערל.

אך און וויי, ווי אן אקס פארן טויער,
צו מארשירן גרייט שטייען ביי דער גרענעץ
פאניע, אן וואנסעס שוין, כינטשיק, אן צאפ —
איינס ס׳אנדערע ממיתן פאר ערד א פענעץ!

אן פארטיפט ווארט אין הארץ, מדבר־מענטש,
קלעטערט מאלפעכע אלץ נאך צווישן צווייגן;
אייביקער פון זיין פארמול און פאראל
דאס געקוויטש, ווען איר קינד זי טוט אנזייגן.

א בת־קויל אויסשיסן פול געלעכטער,
די ערד — צו שטילן איר צארן אן גרענעץ:
פון אלע אויפטועונישן פון מענטש
עס וועט נישט איבעריקבלייבן קיין שמץ.



## אן אפענע קארט

פרעזידענט פארד האט עפנטלעך געזאגט: ישראל וועט מוזן פערהאנדלען מיט ירדן, אדער מיט דער פאלעסטינער באפרייאונגס־ארגאניזאציע.

פון דער פרעסע

פון די צוויי וועמען אויסקלייבן,
אונטער רויט, אדער מלך איכל?
צו זיצן פנים אל פנים,
און קוקן אויף דעם עקל־שמייכל?

פונם וואנסעלע אויף לעפצל
ערלעך ווארט שוין ארויסגעקומען?
א מעסער ס׳האלט אונטער רוקן,
ברידערלעך דיך ארומגענומען.

אפשר שוין בעסער גאר יענער,
מיטן פיסטויל אין די ידים — —
אן אפענע קארט! זאל זיין מיט
א פלאש וואדקא — אבער: לחיים!!

יא, אפן ס׳ליגן די קארטן — —
אבער געווינען ס׳וועט נישט קיינער,
א קופע אש די גאנצע ערד —
פון אלע מענטשן א בארג ביינער.

אז מיר האבן דעם אטאם שוין,
זיי ווילד־צעאטעמט פריי און אפן — —
בלייבט טאקע דאס איינציקע נאך —
א נס בזמן הזה צו האפן.

## צום יאר 1975 — א טריפטיך —

### א

פארזשאווערט פון בלוט ווערט שארפסטע שווערד,
הייליק געחתמעט נאר קריגל בוימאייל —
העלד היינט דער, מארגן אן אנדערער,
„מעולם ועד עולם” נאר „אתה א ל”.

ס׳באַוויינען מאַמעס זייערע זין
פאַר יעדן געוואונענעם טפח ערד;
אין יעדן נצחון־פרייד געשריי
ווייען־געוויינען ווילד־וויסטע מען הערט —

מלחמה — די בראַך־שטול פון דער וועלט!
און וואָס ווערט געבוירן פון גרעסטן זיג,
אין אָפגייענדיקן טייך פון בלוט?
נייע קאַליקעס פון אַ פרישן זיג!

„מי כמוך באלים״, אַז איך
אַ געטער־געראַנגל פאַרן וואָרט אַ ל,
טאָ וואָס אַ וואונדער, אַז מלחמה
פאַר פאַרסרחהטן פעטראָל־אייל?

ווי ביטער עס ווערט, אַז דער אמת
קומט אַרויס ווי אויף וואַסער דער בוימאייל — — —
אָ, אין אונזער געדיכטן חושך
הערט ווער דאָס געשריי „שומר מה מליל?״

ב

ס׳איז דאָס לעבן נישט קיין געמאַכטער קאָוביי־פילם
און די ערד צו האַקען אויף איר אַ קאָזאַטשאָק — —
אויפגייענדיקע זון אַרויסגעשטעקטע צונג
ווען וועלטל שאָקלט זיך שוין אויפן גאַלגן־האַק.

אַמאָל מיט שפּיז, מיט פּיקע נאָ־שטיך געגאַנגען,
מיט האַרמאַטן צומאָל אין גאַנצע פולקן געצילט,
עס האָבן נאָך גאַנצע פעלקער, לענדער גאַנצע — —
אַצינד גאָט און שטן אין שאַך־מאַט זיך פאַרשפּילט.

מ׳וואַרפט אין לבנה טעלערל אַטאָמען שוין,
מ׳שוידערט, מ׳סטראַשעט — אַ האַזאַרד און אימה גייט!
אַז נישט נאָר מענטש און ערד — דאָס גאַנצע וועלטעלע
געוואַלטיק אויפגעציטערט אין גרויס פחד שטייט.

מאַרס און יופּיטער — די צוויי מעדאַלן־שטערן!
מיר אַלע מיטן לעבן אין קאָן איינגעשטעלט — — —
און ווער נישט געווינען זאָל, גאָט צי דער טיוול,
אויס מיטן ערדעלע, מיט אונזער גאַנצער וועלט.



און גאָט, יענער „יושב בשמים ישחק״,
וואָס איז ביי אים איין וועלטל ווייניקער איינס מער,
אַז ששים רבוא אין איין רגע באַשאַפט ער?
נישט פאַרגיסן אויף אונז אפילו קיין איין טרער.

אָבער דער טיוול וויפל מעדאַלן־שטערן
זיך אָנהענגען אויף זיין צעלאַכטער נצחון־ברוסט;
און גאָט וועט טראַכטן: אים זיכער אַ מאָט דערלאַנגט,
אַז ר׳איז אַזאַ שוטה דער שטן כ׳וואָלט געוואוסט.

מיליאָנען מאָל מילע־מיליאָנען אַטאָמען,
„מילך־וועג״ אָנגעשטאָפּט — מיט מינדסט פינגערל אַ גאַנג,
די הימליש־וואונדערלעכע סימפאָניע דערמלט
אין אַלע עולמות דער גלגלים־געזאַנג.

אָבער גאָט דער „יושב בשמים ישחק״,
מיט טויזנט דונערס איבער זיך אַליין צעלאַכט:
אַז וואָס איז עס, נעבעך, שולדיק דאָס מענטשעלע,
האָב איך׳ס נישט אַליין אין מיין צלם־בילד געמאַכט?

ג

. . . אין סוף פון די טעג אַצינד
עס גייט מקוים ווערן
וואָס איז אונזערע הערצער
צו צאַפּלען נישט אויפהערן —

דאָס, וואָס סאָקראַטעס געוואוסט,
פון גאָטס מויל געטון הערן
ישעיהו דער נביא,
איצט גייט מקוים ווערן.

אַטאָם־האַרץ פון צער זיך ברעכט
די בראָאים צו דערנערן;
ס׳געוואַי פון הונגעריקן
אויף אייביק שוין אויפהערן.

ס׳אומגלויבלעכע גייט געשען!
מקוים עס גייט ווערן:

„אפגעווישט פון יעטוועדנס
פנים ס׳ווערן די טרערן״.

קיינמאל מער נישט געשמידט ווערט
אויף דער ערד מארד־געווערן;
הר־מוריה און אלימפ
די לוחות־פעלזן ווערן.

„מה הוא רחום אף אתה רחום״

דרייט זיך דער ערד־קײלעך א מילשטיין אין די וואסערן
אדער א שלייפשטיין שווערדן צו שלייפן ?
א גיליאטין איז די זון ווי בלוטיק זי גייט אונטער !
עס דרייט זיך מיין קאפ נישט צו באגרייפן —

אן אפגעהאקטער שווימט אויפן וואסער די לבנה :
„על דאטיפת אטיפוך ומטיפיך יטופון״.
שעפטשען טרויעריק, מרה־שחורהדיק מיינע ליפן,
דעם גאנצן סך־הכל פונם טראכטן און פארטיפן.

— וועט דאס תמיד אזוי זיין, אזוי דויערן, קיין סוף נישט נעמען,
א שפיל פארן טייוול נישט אויפצוהערן ?
— יא, אייביק אזוי און תמיד און אן־אויפהער אזוי,
ביז פארגעטלעכט דער מענטש וועט נישט ווערן.

## די מכבי ליכטלעך

ווען דער טאטע די מנורה צוגעגרייט,
די הערלעך געריייניקט די קנייטלעך געדרייט,
אריינגעגאסן דעם שמן זית אייל
מיט גרויס כוונה, פאמעלעך, אן געאייל . . .

ווי דער כהן גדול האט ער אויסגעזען,
אונזער שטוב דער קדשי־קדשים געווען :
כ׳זע נאך איצט ווי ביי דער מנורה ער שטייט
אזא הייליק ליכט אין מיין הארצן אויפגייט :

ווי לאנג איז דאס שוין, א פינסטער לעבן לאנג
און ס׳דערמאנען נאך אלץ מיט געצאנק



די מכבי ליכטלעך ס׳ביסעלע בוימאייל
כי מעולם ועד עולם אתה א־ל.



ק. י. האניג

## דער גרויסער ייד פון מאטעלע

(צו חיים ווייצמאנס 100 געבוירן יאר 1974־1874)

ווען איר פרעגט מיך מיט 20 יאר צוריק ווו מאטעלע איז וואלט איך נישט געוווסט — קיינער האט נישט געוווסט „די וועלט" האט נישט געוווסט ביז וואנען חיים ווייצמאן האט נישט דערציילט אין זיין אויטאביאגראפיע „פרווו און טעות" ווו ער דערציילט, אז ער איז געוועזן איינער פון 15 קינדער (דער דריטער) און אז זיין פאטער איז געוועזן א וואלד־און האלץ־סוחר נישט קיין גרויסער נגיד. די נאענסטע שטאט, איז געוועזן פינסק און דאס קליינע שטעטעלע האט געהייסן מאטעל, און די יידן פלעגן עס רופן מאטעלע, און ווייצמאן, וועלכער האט ס׳גאנצע לעבן ליב געהאט צו רעדן יידיש, האט שוין שפעטער נישט געקאנט אנדערש ארויסרעדן דאס ווארט ווי מיט דעם פאריידישטן מאטעלע.

וואלט ווייצמאן געלעבט וואלט ער היינט אלט געווען 100 — נאך אלץ 20 יאר יונגער ווי משה . . .

דאס דערמאנט מיך אין דער אפאקריפטישער מעשה, ווען הערצל איז געשטארבן זענען אפילו יידן אין א קליין שטעטל געלאפן אין בית מדרש אריין הערן די הספדים. דאס בית מדרש איז באלד געווארן פול און איין רעדנער איז נאכגעגאנגען דעם אנדערן: האט איינער געזאגט, אז מיט הערצל׳ס טויט איז אונטערגעגאנגען די יידישע זון — האט דער צווייטער רעדנער געזאגט אז ס׳איז נישט אמת, אז הערצל׳ס זון וועט אייביק שיינען: האט א דריטער געזאגט, אז הערצל איז טויט און א פירטער האט געזאגט, אז ס׳איז נישט אמת אז הערצל לעבט און וועט אייביק לעבן אין אונזערע הערצער א.א.וו. אאוו. לויפט א ייד, וואס האט פארשפעטיקט אין שול אריין און פרעגט ביי דער טיר — דעם שמש: ווו האלט מען? זאגט סתם דער שמש, אז מען ווייסט נאך נישט . . .

ווען איך לייען איצטער די ארטיקלען צו ווייצמאנס הונדערט יאריקן געבוירן־יאר — דערמאנט עס מיך אן דעם אנעקדאט. מען ווייסט נאך נישט דעם גאנצן אמת וועגן ווייצמאן — דעם ערשטן פרעזידענט פון ישראל. ווייצמאן איז געווען איינער פון די גרויסע יידן אין דער געשיכטע פון אונזער פאלק, אבער אויך איינער פון די טראגישסטע געשטאלטן וואס מיר האבן געהאט.

די באלפאר־דעקלאראציע איז געווען צו פארדאנקן נאר אים אליין. אפילו דער טעקסט פון דער באלפור־דעקלעראציע שטאמט פון ווייצמאנען.

אבער הגם ער האט געהאט א שטארקע ליבע צו ענגלאנד און טיף געגלויבט, אז די ענגלענדער וועלן זיין די באשיצער פון פאלעסטינע האט ער געלעבט צו זען, אז ענגלאנד זאל מאכן טראגישע קאמפראמיסן ביז פאראט פון דער באלפור־דעקלעראציע, און ער האט באלד אין אנהייב געזען ווי ענגלאנד (ד.ה. ענגלישע באאמטע פון קאלאניאל מיניסטעריום, און



פארעין אפיס) טוען אלץ קעגן דער באלפור־דעקלעראציע און צו פראוואצירן אראבער קעגן יידן און נישט צוצולאזן צו א פרידליכער צוזאמענארבעט צווישן די צוויי פעלקער.

דאס איז געווען ווייצמאנס טראגעדיע.

ווארום ווייצמאן איז געווען איינער פון די ערשטע יידישע פירער צו רעאליזירן, אז דאס פראבלעם פון די אראבער ווערן געלייזט אויפן וועג פון שלום און צוזאמענארבעט, פון פארשטייען איינער דעם אנדערן.

ווייצמאן איז געווען דער ערשטער צו קומען צו א פריינטשאפטלעכן אפמאך צווישן עמיר פייזאל און אבדאללא, און ווען אין די צוואנציקער יארן ווען ס׳האט שוין געהאלטן ביים אונטערשרייבן דעם פאקט, און אבדאללא האט ווייצמאנען איינגעלאדנט צו אן אויפנאמע אין אמאן, האט ווייצמאן אין דער לעצטער שעה באקומען א בריף פון דעם רעגירונגס־סעקרעטאר: „לייבער ד״ר ווייצמאן, ווי ס׳ווערט אונז מיטגעטיילט קלויבט איר זיך צו רייזן קיין אמאן אויף דער איינלאדונג פון עמיר אבדאללא — בין איך באאויפטראגט געווארן פון דער רעגירונג אייך צו ווארנען, אז דער מיליטערישער הערשער וועלן נישט זיין גרייט צו באשיצן אייער לעבן אויף דער דאזיקער רייזע — און אז די רעגירונג וועט בכלל נישט קענען גאראנטירן די זיכערקייט פון וועלכער נישט אנדערע איניציאטיוו".

אזוי האט מען ווייצמאנען פארשטעלט דעם וועג צו א פרידלעכער פארשטענדעניש אין שלום.

דאס איז געווען די גרעסטע טראגעדיע אין זיין פאליטישער קאריערע—

צו דעם זיינען צוגעקומען די פערזענלעכע לײדן, ווען ער איז געצוואונגען געווארן צו רעזיגנירן די פרעזידענטור פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע. ווען מען האט אים אין 1948 צוריקגערופן קיין מדינת ישראל אלס ערשטער פרעזידענט פון דער נייער מלוכה, איז שוין ווייצמאן געווען א קראנקער און צעבראכענער מענטש. ער איז כמעט אינגאנצן בלינד געווארן און די פערזענלעכע טראגעדיע פון זיין פאמיליע־לעבן (ער האט פארלוירן א זון וועלכער איז געפאלן אין דער מלחמה אין דער פארטיידיקונג פון ענגלאנד, און דער אנדערער זון איז אוועק פון אים אינגאנצן פארפרעמדט) האט א סך בייגעטראגן צו זיינע יסורים.

ווייצמאן, דער ארכיטעקט פון ישראל געהער צו די פאר געציילטע יידן, וואס האבן געשאפן די מדינה — הערצל, ווייצמאן און בן גוריון — אבער דער גרעסטער פאליטיקער פון זיי איז געווען דער גרויסער ייד פון מאטעלע.

דויד בערמאן

## די פארלעזונג לזכרון פון חיים ווייצמאן הונדערט יאר נאך זיין געבורט

דאנערשטאג, דעם 14טן נאוועמבער, 1974, אין זאאל פונם קעניגלעכן

אינסטיטוט פאר וויסנשאפטן, און אימפאזאנטע געביידע אין דער וועסט־ענד פון לאנדאן וואו מען קען זעען פארטרעטן און סטאטועס פון וועלט־בארימטע בריטישע וויסנשאפטסלייט, האט אבא אבן, פריערדיקער אויסערן מיניסטער פון ארץ־ישראל, געהאלטן זיין פארלעזונג צום זכר פון חיים וויצמאן, וואס איז געבוירן געווארן מיט הונדערט יאר צוריק.

דער פרעלעגענט איז אויפגעטרעטן פאר א הערכסט געקליבענעם עולם ציוניסטן, צווישן וועלכע עס האבן זיך געפונען דער רב־הכולל — טושיף ראביי — ד"ר עמנואל יאקאבאוויץ, מר. אבראהאם קראמער, פארזיצער פון דער ציוניסטישער פעדעראציע, לארד בארנעט דזשאנער און ועל כולם דער אמבאסאדאר פון מדינת־ישראל, מר. גידרון רפאל.

פאר א גרויסער פארטרעט־פאטאגראפיע פון חיים וויצמאן, מיט ישראל־בלוי־ווייסע פענער פון ביידע זייטן, האט אבא אבן געהאלטן זיין פייערלעכע פארלעזונג. דער חשובער פרעלעגענט, אויף זיין פייערלעכן אופן, רעדט איבער חיים וויצמאן, איבערגעבנדיק, קודם־כל, א קורצן איבערבליק איבער דעם גרויסן נפטר׳ס לעבן, ווי אז ער איז געבוירן געווארן אין מאטאל, רוסלאנד, דעם 27סטן נאוועמבער, 1874. דרייסיק יאר שפעטער אין יאר 1904, קומט ער קיין מאנטשעסטער, ענגלאנד וואו די אוניווערזיטעט נעמט אים אויף אלס פראפעסאר פון ביא־כעמיע. יארן שפעטער נאכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1914, באשטימט אים די ענגלישע רעגירונג אלס דירעקטאר פון די לאבאראטאריעס ביי דער אדמיראליטעט, וואו ער האט געמאכט זיין בארימטע דערפינדונג אין שייכות מיט עסיקגייסט, וואס איז אזוי נויטווענדיק פאר הויכן אויפרייס־שטאף; א דערפינדונג וואס האט אזויפיל בייגעטראגן, אז ענגלאנד מיט אירע פארבינדעטע זאלן געווינען די מלחמה!

אט די דערפינדונג האט אים געברענגט גרויס אנערקענונג מצד דער ענגלישער רעגירונג און אינפלואנסרייכע קרייזן אין לאנד, איבערהויפט ביים בארימטן ענגלישן שטאאטסמאן, לארד ארטור באלפור, וואס איז שפעטער אזוי אנערקענט געווארן ביי אלע קרייזן פון יידישן פאלק מיט זיין באלפור־דעקלעראציע: באלפור האט אויך אומדערמידלעך זיך באמיט, אז אט די דאזיקע דעקלעראציע זאל זיך פארוואנדלען אין א ווירקלעכקייט אינם לאנד פון די אבות פון יידישן פאלק.

נאך דער שרעקלעכער, צווייטער וועלט־מלחמה, וואס איז בעיקר געווען אזוי מוראדיק־טראגיש פאר אונזער פאלק, איז אנטשטאנען מדינת־ישראל און האט אויסדערוויילט חיים וויצמאן אלס איר ערשטן פרעזידענט, דעם 19טן נאוועמבער, 1951, האט מען ווידער געשטימט, אז ער זאל זיין פרעזידענט אויף נאך א טערמין; וואס ער איז טאקע פארבליבן ביז זיין פטירה, אין יאר 1952, אין רחובות.

דערנאך איז אבא אבן איבערגעגאנגען צו די פראבלעמען, מיט וועלכע מדינת־ישראל ראנגלט זיך היינט־צו־טאג. „ניין, עס איז אונז נישט מעגלעך צו האלטן יאסיר אראפאט מחוץ דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעל־



קער, אבער מיר וועלן אים יא האלטן אויסערהאלב די גרענעצן פון ארץ־ישראל", האט ער דערקלערט.

קיום פון דער יידישער מלוכה איז היינט אויף דער טאג־ארדנונג, יא, די אראבער האבן צו זייער דיספאזיציע גרויסע ארסענאלן כלי־זיין און אין צאל שטייגן זיי אויך איבער די באפעלקערונג פון יידישן לאנד. אבער חיים וויצמאן האט דאך שוין אונז געלערנט ווי מעכטיקער דער גייסט איז איבער דער מאטעריע און איכות קען קאמפענסירן כמות: אט דאס איז געווארן גאר וויכטיק אלס פועל־יוצא פון דער יום־כפור מלחמה און לחלוטין נישט ווייניקער ווי אין די טעג פון חיים וויצמאן.

מחמת דער דאזיקער מלחמה זענען די אראבער אריבער פון א מינדערווערטיקייטס־קאמפלעקס צו א פריער נישט געזעענער חוצפה בעת דאס געמיט פון מדינת־ישראל איז אריבער פון א וואוילגעפיל נאך דער מלחמה פון די זעקס טעג צו דער מאלענכאלישער שטימונג אין דער איצטיקער צייט. דאך האט ישראל נאך אלץ אן עודף איבערן שונא וואס שייך מאראלער וויטאליטעט און טעכנאלאגישער פעאיקייט.

געאגראפיש גענומען, איז מדינת־ישראל בלויז א קליינער שטאאט אויפן מיטעלן מזרח, אבער בנוגע איר יידישער דימענזיע איז זי אן אוניווערסאלע נאציע פון גאר גרויסער וויכטיקייט אין דער אל־וועלטלעכער מענטשלעכער געמיינשאפט!

וואס שייך „שלום מיט זיכערקייט", גלויבט אבא אבן, זענען פאראן מעגלעכקייטן גענוג „אויף קאמפראמיס און צושטימונג" צווישן דעם, וואס מען מוז פארטיידיקן מיט כל אמצי כוח און דעם, אויף וועלכן מען קען איינגיין אויף פשרות. און דערמיט האט אבא אבן פארענדיקט זיין פארטראג אונטער אן אלגעמיינער אוואציע.

סיר ישעיה בערלין, בארימט אלס פילאזאף און אקאדעמיקער, האט געשלאסן דעם אוונט מיט א רוף צו אלגעמיינער דאנקבארקייט לגבי אבא אבן פאר זיין גייסטרייכער פארלעזונג. דאס האט ארויסגערופן בייפאל ביים עולם, וועלכער איז זיך פאנאנדערגעגאנגען אין א געהויבענער, אבער ערנסטער שטימונג.

א י י ז י ק  ג א ל ד ב ע ר ג

## זכרונות וועגן זלמן שזר

און אויספירלעכע אפשאצונג פון זלמן שזר, פרעזידענט פון מדינת־ישראל, איז נישט קיין לייכטע אויפגאבע, ווייל ער איז געווען א זעלטענע פערזענלעכקייט. איך וויל נאר אנצייכענען עטלעכע שטריכן און זכרונות אין שייכות מיט אים פון דעם, וואס איך קאן מיך וועגן אים דערמאנען.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פוילן איז אריבער אונטער דער דייטשער אקופאציע, האבן יידיש־פאליטישע באוועגונגען אנגעהויבן גרינדן

פון פרייהייט, וואס איז נישט מעגלעך געווען אונטער דער צארישער הערשאפט. אחוץ דעם „בונד“, איז דעמאלס אויסגעוואקסן א גרויסע סאציאליסטישע „פועלי־ציון“ באוועגונג, מיט צענדליקער טויזנטער אנהענגער — פון די ברייטע יידישע ארבעטער און פאלקסמאסן — ווייל איר טעאריע איז געווען פארבונדן מיט די היסטארישע רעכט פון יידן בנוגע ארץ־ישראל.

דעמאלט האט זיך אין לאדזש געגרינדעט א פועלי־ציון ארגאניזאציע אונטערן נאמען „ארבעטער־היים“, מיט באדייטנדע ארבעטער קולטור־טוער בראש, ווי עמנואל, שערעק, זרובבל קרול, טאבאטשניק, סקראבעק און אנדערע. זיי האבן אנגעפירט א פראגרעסיווע, פאליטישע טעטיקייט מיט רעפעראטן איבער סאציאליזם, געשיכטע, ליטעראטור און אנדערע ענינים.

זלמן שזר, אדער ווי ער האט פריער געהייסן זלמן רובאשאוו, איז אין אט דער ארגאניזאציע אויך געווען זייער אקטיוו. באטייליקנדיק זיך מיט לעררייכע רעפעראטן איבער סאציאלע און היסטארישע פראבלעמען, יידישער געשיכטע און ענלעכע טעמעס. כמעט אלע זיינע רעפעראטן האב איך בייגעוואוינט און מיך באטייליקט אין די דיסקוסיעס, כאפנדיק אפטמאל אויך א שמועס מיט אים. ער איז געווען א זעלטענע פערזענלעכקייט, ביי וועמען מען האט געקענט פיל לערנען.

ליטעראטור, קונסט, מוזיק, געזאנג האבן נאך מער פארצווייגט די קולטור־טעטיקייט ביי דער דאזיקער ארגאניזאציע. אפטייקער און נאך אים גלאטשטיין האבן דיריגירט מיטן כאר, מיט א ליטעראטור־סעקציע האבן אנגעפירט טאבאקסבלאט, ראטבלום, אמעל, איך און אנדערע וועמעס נעמען מען קאן נישט כסדר האלטן אויפן זכרון.

וויכטיק צו דערמאנען איז, אז געמיינזאם מיטן „בונד“ האט מען אנגעפירט א סעמינאר־שולע פאר געשיכטע, ליטעראטור אין יידיש און העברעאיש. מיין פריי און איך האבן פערזענלעך געענדיקט א ליטעראטור־קורס אויף אט דער סעמינאר־שולע.

דא איז נישט דאס ארט אנצואווייזן וועגן דער וויכטיקער עפאכע דעמאלט, ווען די סאציאליסטישע ליניע פון פועלי־ציון איז געווען ענלעך צו דער פון מפ״ם איצטער.

די יידישע ליטעראטור און יידיש לשון האבן דעמאלט באהערשט די יידישע גאס. דווקא אין אט אזא אטמאספערע האט אזא זעלטענע פערזענלעכקייט, ווי חבר זלמן ש.ר., געקענט אויסוואקסן און זיך אנטוויקלען, אינספירירנדיק זיך פון אלעם ארום, אפילו פון פרצ׳ס חסידיזם. ליובאוויטש שיטה איז פארבליבן זיין אינספיראציע כל־ימיו ביז צום סאמע סוף.

זיין ליבשאפט צום יידישן פאלק האט, אן ספק, פיל בייגעטראגן, אז ער זאל זוכה זיין מען זאל אים אויסדערוויילן אלס פרעזידענט פון מדינת־ישראל.

אויך איז ער געווען א שרייבער און פאעט אויף ביידע אונזערע לשונות: יידיש און עברית.

נאך דעם ווי מיר האבן אדורכגעמאכט די צווייטע וועלט־מלחמה און



די שוידערלעכסטע איבערלעבונגען פונם היטלער־חורבן, ראטעווענדיק זיך ווי מיט נסים ממש אין לעצטע טעג פארן מלחמה־אויסברוך פון דייטשלאנד ארויס, האב איך באזוכט מדינת־ישראל אין יאר 1966, האב בייגעוואוינט די חנוכת־הבית פון שלום־עליכם הויז אין תל־אביב. עטלעכע טויזנט מענטשן האבן זיך דעמאלט פארזאמלט אונטערן פרייען הימל, כדי זיך צו באטייליקן אין אט דער שמחה. ביי א לאנגן פרעזידיום־טיש זענען געזעסן זשורנאליסטן, קינסטלער, שרייבער, קולטור־טוער, אחוץ פאליטישע פארטרעטער.

דער ערשטער צו רעדן איז געווען זלמן שזר, נשיא פון מדינת־ישראל, נאך אים האט גערעדט אליהו אילת, הערנאך משה גראס־צימערמאן, זרובבל און אנדערע. אלע האבן זיי געהאלטן זייערע רעדעס אויף העברעאיש.

נאטירלעך האבן אטייל פון די פארזאמלטע פראטעסטירט — מייסטנס טוריסטן פון אמעריקע—הלמאי מען האט נישט געהערט קיין ווארט אויך אין יידיש אויף דער חנוכת־הבית פון שלום־עליכם הויז! האט טאקע בערקאוויטש, שלום־עליכמס איידעם, געלייענט א דערציילונג פונם וועלט־בארימטן יידישן הומאריסט אין דער אריגינאל שפראך — יידיש!

ווען אלץ האט זיך פארענדיקט האב איך פערזענלעך באגריסט דעם פרעזידענט זלמן שזר, דערמאנענדיק אים די אמאליקע צייטן מיט די נעמען פון באקאנטע חברים, מיט וועמען מיר זענען זיך אפט צוזאמענגעקומען און באמערקנדיק גלייכצייטיק, אז גראד ביי אזא פייערונג האט מען געדארפט זיך מער באנוצן מיטן יידישן לשון. דערויף האט דער נשיא מיר געענטפערט: „זארגט נישט, פריינט גאלדבערג, יידיש איז א גאלדענע שפראך; יידיש וועט נישט אונטערגיין“.

דעם דאזיקן צוזאמענטרעף האב איך פריער באשריבן אין אן ארטיקל, געדרוקט אין דער צייטונג, „די יידישע שטימע“, אין 1966, רעדאגירט פון י. א. ליסקי.

אין יאר 1967, נאך דער מלחמה פון די זעקס טעג, וואס האט אויף מיר געהאט א שטארקע ווירקונג פונקט ווי אויף אלע יידן, באקומענדיק בריוו פון מיין משפחה, וועמעס קינדער האבן זיך באטייליקט אין אט דער מלחמה, האב איך פארעפנטלעכט אן ארטיקל, געשריבן מיט פיל הארץ־ווייטיק, אין זשורנאל „לשון און לעבן“, רעדאגירט פונם דיכטער א. נ. שטענצל. אן עקזעמפלאר פון דאזיקן זשורנאל, מיט מיין ארטיקל, האב איך אוועקגעשיקט צום פרעזידענט פון ארץ־ישראל.

דערויף האט מיר דער נשיא געשריבן א בריוו, וואס זיין אינהאלט גיב איך דא איבער:

„ח. אייזיק גאלדבערג, לאנדאן,

אנטשולדיקט וואס מיין תשובה איז א פארשפעטיקטע.

איך האב געלייענט אייער דורכגעפילטן ארטיקל אין „לשון און לעבן“ באלד ווי איר האט מיר געשיקט. א דאנק אייך.

ביי געלעגנהייט לאזט גריסן דעם איבערגעגעבענעם רעדאקטאר, דעם

דיכטער א. נ. שטענצל, ווען מען איך געדענק פון מיינע אמאליקע באזוכן אין לאנדאן.

מיט גרוס,
זלמן שזר.

ירושלים, כ״א בטבת, תשכ״ז—22 יאנואר, 1968.

אט דער בריוו, און אלע זכרונות איך שייכות מיט זלמן שזר, וואס האט זוכה געווען צו זיין פרעזידענט פון מדינת־ישראל, וועלן ביי מיר פארבלייבן א ליבער און לעבעדיקער אנדענק אויף אייביק. זלמן שזר האט זיך כשר פארדינט די זכיה צו זיין נשיא פון יידישן לאנד און אז מען זאל אים האלטן פאר פרעזידענט פונם יידנטום איך דער וועלט בכלל.

כבוד זיין אנדענק!

יצחק יאנאסאוויטש

## חוה ראזענפארבס „דער בוים פון לעבן“

חוה ראזענפארב: דער בוים פון לעבן, ראמאן. ערשטער באנד: 617 זייטן; צווייטער באנד: 683 זייטן; דריטער באנד: 624 זייטן. פארלאג „המנורה“, תל־אביב 1972.

וועגן חוה ראזענפארבס דריי בענדיקן ראמאן „דער בוים פון לעבן“ איז שוין א סך געשריבן געווארן (דאס ווערק האט שוין אפילו זוכה געווען צו צוויי פרעמיעס) און דאך דאכט זיך מיר אויס אז צום יידישן לייענער איז דאס דאזיקע בוך נאך אלץ נישט דערגאנגען און אז אפילו די פאזיטיווע קריטיק האט ביז איצט נאך נישט ארויסגעבראכט דעם פולן באדייט פונעם ווערק און די גאנץ באזונדערע פאזיציע וואס עס פארנעמט אין אונזער חורבן־ליטעראטור.

„דער בוים פון לעבן“ איז א ראמאן אויף וועלכן מען קאן און מען דארף זאגן אז ער שטייט „משכמו ומעלה“ איבער דעם אלעם וואס איז ביז איצט, אין א קינסטלערישער פארם, געשריבן געווארן וועגן דעם חורבן פון מזרח־אייראפעאישן יידנטום. קלארער גערעדט: וועגן דעם אלעם וואס איז ביז איצט געשאפן געווארן איך פראזע אויף דער טעמע פון דער אויסראטונג און פארניכטונג פון יידישן לעבן אין פוילן.

און ס׳איז כדאי דא צו באטאנען: אויך אין דער פראזע האט די שילדערונגען פון חורבן בית־פוילן צו פארצייכנען אייניקע גאר גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונגען, ווי למשל, די ווערק פון ק. צעטניק, פון מרדכי שטריגלער פון לייב ראכמאן, פון אלי וויזעל פון ישעיה שפיגל, פון יהודה עלבערג און נאך אנדערע. דא אהער דארף מען אויך צורעכענען די דערציילונגען פון דעם העברעאישן דערציילער אהרן אפעלפעלד, פון דער פארשטארבענער אנא לאנגפוס און נאך און נאך אנדערע שרייבער וועלכע האבן



אין זייערע שאפונגען פארפיקסירט דעם גרויל וואס האט באגלייט דעם אונטערגאנג פון דער יידן־וועלט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

און פון דעסטוועגן, דערוועג איך זיך צו זאגן אז חוה ראזענפארבס ראמאן וועגן לאדזשער געטא הייבט זיך ארויס איבער די אלע קינסטלערישע חורבן־שילדערונגען און בלייבט שטיין איבער זיי ווי א גיגאנטישער טורעם וואס דאמינירט מיט זיין מאנומענטאלקייט איבער דער גאנצער מיאומדיקער לאנדשאפט פון אונזער חורבן־ליטעראטור.

לאמיר צוגעבן: אפילו ווען מיר ווייסן אז דאס ווערק האט חסרונות, וואס אויף אייניקע פון זיי ווערט בפירוש אנגעוויזן, איז עס אבער א ווערק פון אזא פארמעסט און פון אזא מוראדיקער גראנדיזיטעט אז מיר ווערן געפלעפט פון דעם שפעפערישן וווּנדער, פון דעם קינסטלערישן כח מיט וועלכן דער ראמאן אטעמט און באצווינגט אונז מיטצולעבן דעם גיהנום־לעבן פון לאדזשער געטא וואס ווערט מיט א גאלאפ־שנעלקייט געטריבן צום אומקום דורך אן אכזריות און פערפידיע וועלכע איז איינציק־ארטיק אין דער געשיכטע פון מענטשן־מארד און פערקער פארניכטונג.

זאל מען מיך באדיי באשולדיקן אין גוזמא, אבער איך וועל נישט מורא האבן צו זאגן, אז דאס וואס טאלסטאיס „מלחמה און שלום“ איז פאר דער רוסישער פראזע איז חוה ראזענפארבס „דער בוים פון לעבן“ פאר דער יידישער חורבן־ליטעראטור, פאר דער ליטעראטור וואס אנטפלעבט, שילדערט און געשטאלטיקט דעם טראגישן פאטאלן סוף־פסוק פון טויזנט יאר יידיש לעבן אויף דער פוילישער ערד.

מיר האבן, ווי שוין דערמאנט, א סך קינסטלערישע דערגרייכונגען אויפן געביט פון אנטפלעקן און שילדערן אט דעם פאטום, אבער על פי רוב ענען דאס שילדערונגען און געשטאלטיקונגען וואס פארפיקסירן נאר איינצלנע מאמענטן פון דער טראגעדיע, נאר איינצלנע סצענעס פון דער גרויליקער דראמע, נאר איינצלנע ווינקלען אין דער גיהנום־וואר. אין חוה ראזענפארבס ראמאן האבן מיר פאר זיך דעם גאנצן עולם ומלואה פון חורבן־גרויל. א גאנצע שטאט מיט אונדערטער טויזנטער יידן, מענער און פרויען, יונגע און אלטע, רייכע און ארעמע, צאפלען אין דער נעץ פון טויט וואס דער נאציזם האט פאר זיי אויסגעשפרייט אויסנוצנדיק אפילו די אילוזארישע לעכער פון דער דאזיקער נעץ, כדי צו פארוואנדלען די קרבנות גופא אין אקטיווע העלפער ביים דורכפירן זיין מארד־פלאן.

חוה ראזענפארב האט נישט פארזען קיין איין וויכטיקן דעטאל פון געטא־לעבן וואס האט מיט א מוראדיקער קאנסעקווענץ געפירט צום טויט.

ס׳איז שוין א סך מאל באטאנט געווארן אז די אויפגאבע פון דער יידישער ליטעראטור, ווי פון דער יידישער היסטאריאגראפיע, איז צו וויזן, נישט נאר וואס מען האט מיט אונז געטאן אין יענע קאשמאר־יארן, נאר דער עיקר — וואס מיר אליין האבן געטאן, ווי אזוי מיר אליין האבן זיך אויפגעפירט אין די דאזיקע צייטן פון אונזער גרעסטן נסיון.

ווארעם נאר אין פייער פון נסיונות, נאר אין דער פיין פון טויט —

געפאר קאן א פאלק דערזען זיין אמתן כאראקטער און דורך זיין כאראקטער זיין באשערטן גורל.

חוה ראזענפארבס ראמאן „דער בוים פון לעבן" איז א מעכטיקער קינסטלערישער שפיגל אין וועלכן מיר דערזען זיך אליין מיט א וויטיקלעכער קלארקייט און מיט אן אמת וואס צווינגט אונז צו חשבון הנפש.

איך רייד נישט אנטקעגן די וואס האלטן אז די גרעסטע מעלה פון דעם ווערק איז דאס וואס די שרייבערן ווייזט אונז דעם מין מענטש כמו שהוא . . . פאר מיר איז אבער דאס וויכטיקסטע וואס אין שפיגל פון איר, קינסטלערישער געשטאלטיקונג זע איך נישט קיין סתם מענטש, ס'הייסט: נישט דעם דאזיקן אבסטראקטן איבער־ראסנדיקן בן אדם וועס עקזיסטירט בלויז אין דער טעאריע, נאר איך זע אין אים יידן, מיינע ברידער און שוועסטער מיט וועלכע דער גורל האט מיך פארבונדן אויף לעבן און טויט.

און ווייל מיין אינטערעס איז צו זען יידן, זייער כאראקטער און זייער אויפפיר אין מאמענט פון נסיון, ווער איך אפטמאל דערציטערט ווען איך דערזע אין איר געטא־שפיגל יידישע כאראקטער שטריכן און יידישע האנדלונגען וואס זענען נישט בלויז כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט, פאר יענע באדינגונגען און פאר יענעם גהינום־גרויל . . .

ווי אן עכטע קינסטלערן איז חוה ראזענפארב נישט קיין באשולדיקער. זי איז א מאלערן וואס פארפולט אירע ברייטע לייוואנטן מיט דעם וואס זי זעט.

און זי זעט מיט א דורכדרינגלעך אויג; זי זעט נישט נאר פארבן, נאר אויך ניואנסן, די ניואנסן צווישן כולו זכאי און כולו חייב, צווישן קדושה און טומאה.

אמת, ווי אמאלערן האלט זי זיך נישט ביי געטעס כלל: „מאל מאלער און שווייג". . . ווארים זי קאן נישט און וויל נישט פארשווייגן דעם סאמע ערשטן אמת, אז שולדיק אין אט דעם גאנצן גרויל איז דער נסיון־ברענגער, דער דייטש.

דער שווארצער שאטן פון דייטשן מערדער פארשווינדט ניט אויף קיין רגע פון איר־געטא־געמאל. זי פארשווייגט נישט זיין שולדיקייט און לאזט נישט אין איר פארגעסן.

אבער אויפן פאן פון דעם דאזיקן מערדערישן שאטן באווייזט זי צו געבן אויטענטישע געשטאלטיקונג פון יידישן לעבן, פון א גרויסן קאלעקטיוו און פון צענדליקער יחידים וועלכע אנטפלעקן מיט זיך און מיט זייערע מעשים די הייליקייט און די אומווערדיקייט מיט וועלכער מיר זענען געבענטשט און פארשאלטן.

דער ברייט־פארמאסטענער ראמאן הייבט זיך אן מיט א שילדערונג פון יידישן לעבן אין לאדזש הארט פאר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די שרייבערן פירט דא ארויס אין איר געמעל די וויכטיקסטע געשטאלטן וועלכע מיר וועלן שפעטער טרעפן אין געטא.

אבער ערשט דעמאלט ווען מיר הייבן אן לייענען דעם צווייטן באנד,



דעם באנד אין וועלכן זי שילדערט שוין די געטא־ווירקלעכקייט, נעמען מיר פארשטיין צו וואס זי האט געדארפט די גרויסע עקספאזיציע אינעם ערשטן באנד. די דאזיקע עקספאזיציע האט א בולט־קינסטלערישע כוונה און זי געהערט צו דער קאנסטרוקציע פונעם ווערק.

חוה ראזענפארב וויל אונז ווייזן און זי ווייזט אונז ווער די מענטשן זענען געווען אין די אזוי גערופענע נארמאלע צייטן און וואס זיי זענען געווארן אין דער אומנארמאלער רעאליטעט פון געטא.

בכן איז דער ערשטער באנד א מין אריינפיר צום געטא. אין צווייטן באנד האבן מיר שוין די פארוואנדלונג פון די מענטשן און אין דריטן באנד — דעם טראגישן פינאל פון זייערע גורלות.

ארום די מענטשן, די העלדן און טיפן וואס זי שילדערט וויקלען זיך די געשעענישן, אנטפלעקט זיך דער שטייגער און די גאנצע מוראדיקע לעבנס־ספעציפישקייט פון דער געטא, פון דער דאזיקער טויט־שטייג אין וועלכער דער דייטש האט פארשפארט די לאדזשער יידן.

צענדליקער און צענדליקער העלדן, טיפן און געשטאלטן באפעלקערן דאס געטא־לעבן. זיי האבן אלע עפעס בשותפותדיקס, אבער גלייכצייטיק זענען זיי אפט ווייט איינער פון אנדערן ווי ווייט עס איז דער הימל פון דער ערד, אדער די קדושה פון דער טומאה.

די גרויסע מעלה פון איר ווערק און דאס וואס אלע, אדער כמעט אלע פארשוינען וואס זי פירט ארויס אין איר ראמאן זענען אינדיווידואליזירט, האבן אייגענע פנימער און אייגענע גורלות, כאטש אין תוך גענומען צאפלען זיי אלע אין די נעצן פון איין און דעם זעלביקן יידישן גורל.

אפילו די פארוואנדלונגען וואס אירע העלדן מאכן דורך אין גרויל פון געטא־לעבן זענען א קאנסעקווענץ פון זייערע כאראקטערן. דער געראנגל פארן לעבן אין געטא מאכט די דאזיקע כאראקטערן נאר בולטער און ברענגט רעליעף ארויס דאס וואס זיי האבן אין פריערדיקן לעבן באהאלטן, באהאלטן פאר אנדערע און אפילו אויך פאר זיך אליין.

עס איז פאראן א קאנסעקווענטע פסיכישע פארבינד־ליניע צווישן דעם פריער און דעם שפעטער פון אירע העלדן, הגם די דאזיקע ליניע איז א זיגזאגישע און צומאל אויך א זייער קאמפליצירטע. מען קאן הערייבער אויף זיי זאגן: סוף מעשה בכאראקטער תחילה.

פון מאל צו מאל וויל די שרייבערן דערקלערן די פסיכישע אנטוויקלונג און דעם פסיכישן הינטערגרונט פון אירע העלדן און זייערע מעשים און זי טוט דאס מיט גרויס וויסן און מענטש־קענטשאפט. אבער גאר אפט קומט זי צום אויספיר אז איר אויפגאבע איז נישט צו דערקלערן דעם מענטאלן מעכאניזם פון אירע פארשוינען, נאר צו לאזן זיי האנדלען אונטערן דרוק פון די באדינגונגען כדי זיי זאלן זיך אנטפלעקן מיט אלע זייערע אומדערקלערטקייטן.

נישט אלץ קאן א שרייבער דערקלערן, נישט אלץ מוז א שרייבער דערקלערן. ער דארף אבער שילדערן דאס לעבן און זיינע העלדן אויף אזא אופן

אז מיר זאלן דערזען ווי ער אליין בלייבט שטיין א געפלעפטער אין אנבליק פון דעם סוד וואס הייסט: מענטש.

חוה ראזענפארב גיט זיך א סך מי צו דערקלערן די פינצטערע פיגור פון מרדכי חיים רומקאווסקי, דעם לאדזשער יידן־עלטעסטן. מען זעט ווי זי וויל מיט אלע כוחות זיין צו אים קינסטלעריש אביעקטיוו. אין לעצטן סך הכל ווערט ער אבער בשום אופן נישט ליכטיקער. אפילו זיין אידעע־פיקס איבערצוכיטרעווען דעם דייטש און צו ראטעווען א צאל יידן, מאכט אים נישט אויף א האר בעסער און שענער. ווארים שוין דער פאקט וואס ער האט ביי זיך געפועלט אז דער ציל הייליקט די מיטלען און אז ער איז בארעכטיקט צו באשטימען די צאל קרבנות וואס ער מעג מקריב זיין פאר זיין ציל, באווייזט אז ער האט פארקויפט זיין נשמה צום טייוול, נישט אזוי צוליב דעם ציל ווי צוליב דעם ווילן צו הערשן איבער דער עדה וואס דער דייטש האט איבערגעגעבן אין זיין רשות.

רומקאווסקי פארנעמט א סך ארט אין חוה ראזענפארבס שילדערונג פון געטא־לעבן, אבער ער איז נישט דער וויכטיקסטער העלד אין דעם דאזיקן לעבן. פאראן א גאנצע ריי אנדערע העלדן — און זיי ציילן זיך אין די צענדליקער — וואס זענען קינסטלעריש שטארקער געמאלן ווי ער און מען וואלט געקענט און געדארפט אנשרייבן א באזונדערע שטודיע וועגן יעדן איינעם פון זיי וואס איז, ווי מען איז געוואוינט צו זאגן, א וועלט פאר זיך.

נו, אבער די דאזיקע אלע „וועלטן פאר זיך" לעבן אין געטא און דאס בשותפותדיקע צווישן זיי איז דער ווילן צו לעבן, כאטש נישט אלע פאר דעם זעלביקן פרייז און אויף דעם זעלביקן אופן.

נאך א זאך: די יידן אין לאדזשער געטא ווילן נישט בלויז לעבן, נאר זיי לעבן טאקע: זיי לעבן אין די באדינגונגען פון געטא־גרויל אונטערן שאטן פון דער פערמאנענטער טויט־געפאר. אייניקע לעבן קעמפנדיק, ליבנדיק, שאפנדיק, אנדערע לעבן מיט פריי־געלאזענע אינסטינקטן, מיט דער לאזונג: אכול ושתה כי מחר נמות.

און אט דעם גאנצן קליידיסקאפ פון מענטשן און געשעענישן, אט דעם גאנצן פילפארביקן געווירבל פון דער געטא־ווירקלעכקייט מאלט און שילדערט חוה ראזענפארב פראנטאל מיט די קלאסישע מיטלען פון דער גרויסער פראזע וואס האט געהאט איר בלי־צייט אינעם 19טן יארהונדערט.

מען רעדט וועגן דעם אז איר ווערק ליידט פון איבעריקייטן, צעצויגנקייט, אפילו נאאיוויטעטן (ווען זי שילדערט דעם באל ביי די רייכע פאר דער מלחמה); מען רעדט וועגן דעם אז אייניקע העלדן אירע זענען ווייניק איבערצייגנדיק, אז זיי רעדן אפטמאל רייד פון פובליציסטישן לעקסיקאן (ווי למשל די שקלא וטריא וועגן העלדישקייט ביים סוף פון דריטן באנד). דאס אלץ איז אמת און אמת איז אויך אז דער ראמאן האט געקענט און געדארפט געקירצט ווערן אויף א גאנץ דריטל. פון דער אנדערער זייט אבער, ווער ווייסט עס נישט אז אויך באלזאקן, טאלסטאיען און אפילו דאסטאיעווסקין האט מען פארגעווארפן איבעריקייטן, דיגרעסיווע שילדערונגען פון



געשעענישן און מענטשן אין וועלכע זייערע ווערק האבן זיך געקענט באגיין?

א קינסטלעריש ווערק ווערט געמשפט לויט דער העכסטער ליניע צו וועלכער עס דערהויבט זיך און נישט לויט די נידעריקע ערטער צו וועלכע עס פאלט צומאל אראפ. אויב אזוי איז קיין שום צווייפל נישט אז חוה ראזענפארבס ראמאן „דער בוים פון לעבן" איז א גרויס ווערק, א מאנומענטאל ווערק וואס דערווייל האבן מיר אין דער יידישער חורבן־ליטעראטור נישט קיין צווייטס וואס זאל זיך קענען דערמיט פארגלייכן. עס איז א ווערק וואס שוין פאר דעם פארמעסט דערפון מיר האבן דעם גרעסטן דרך ארץ. ווער שמועסט נאך ווען דער דאזיקער גראנדיעזער פארמעסט איז רעאליזירט געווארן קינסטלעריש מיט אזא קראפט אז כדי אויסצודריקן די באוואונדערונג און התפעלות וואס ער רופט אין אונז ארויס מוזן מיר אנקומען צו דעם דרייפאך־איבערגעחזרטן אדיעקטיוו: גרויס! דאס הייסט: ס'איז א גרויס ווערק, פון א גרויסער שרייבערן און פון א גרויסן נאציאנאל־קינסטלערישן ווערט . . .

שמעון וווזעק — ראטשעסטער, ניו יארק —

## ווי ברוגז וואנדלען מיר

ווי ברוגז וואנדלען מיר אין שווייגן־מאנטלען איינגעהילט,
צום לעצטן מיילנשטיין פון אטעמדיקער ערד — —
נזרים אינמיטן שטאט, פון טויזנט ספקות אפגעקילט,
און שלעפן אונזערע ביינער צווישן טרער און שווערד.

עס בלאנזשן דיינע פריינד אויף טראטואר־געדראנג — —
די אויגן קלעפן אויף פארקרומטע טריט,
דו זעסט ניט א שטרייפל הימל, ניט א רויזל יארן לאנג,
און ס'ווארענט דיך די אומרו: זיי באהיט
פון פאל אין שלוכט פון צייט, וווּ אלץ פארבליט.
אויף אלע גאסן שלענגלט זיך פאר דיר פארביי,
אזוי היימיש־תושבדיקער ווײ.

דיין קרוב וואנדלט אום — א שאטן אין עלנטס טומל־גאס,
דאס רויטע לעמפל אויפן ראג פארפאלגט די קראנקע קני,
אפילו דיין ברודער זעט דיך ניט — — געדונצלט פנים בלאס,
און פרעמד און שטאר אזוי זיין בליק, ווי ניט פון הי.

אויף בלינדן אספאלט יאגן אונז פאנאנדער טויזנט שרעקן,
זקנים הינקן שטום אהין־אהער, פון וועלט פארלוירן,
און ס'גייען אויס חברים צווישן אלמנס איינזאם מויערן.

מיין שכן שארט דעם שטיב ביים שוועל מיט נודנעם שטעקן,
עס פאלט א טרער אויף אדערדיקער דארער האנט,
א לאנג־פארשטילטער אוי פארטויכט אין טויבער וואנט . . .

ביים זונפארגאנג פון חלומס צויבער־שלאס;
ביים אפגעבלעטערטן טאג פון גליק־נסיעה,
פארבלאסט אין חכמהס ספר אות נאך אות,
און ס׳בריט דאס זאלץ אויף מידער ווייע.

א. נ. שטענצעל

## מיין ערשטע „קאפאווטי״ אין ווייטשעפל *

### א

אין בערלין איז שוין קיינער פון די יידישע שרייבער נישט געווען. אויך מיין פריינט, ד״ר מילער, וואס האט אלץ כסדר מיט מיר געטענהט: „גלויבסטו שוין אונז אויך נישט? דאס גאנצע מיט די נאציס, מיט דעם היטלער — עס איז דאך נאר א טריק, א פאליטישער מאנעווער . . . עס וועט קומען צו אן אויסגלייך . . . און דייטשלאנד איז ווידער דאס קולטי־ווירטע דייטשלאנד!״ . . . אט דער ריכארד מילער קומט צו מיר אין טאג צו: „זע דאס דו פארשוואונדעסט! און וואס שנעלער!״

מסתם האט ער שוין אויך עפעס געהערט מאחורי הפרגוד — ער וואוינט דאך דארט א טיר צו א טיר אויף דער ווילהעלם־שטראסע.

פון פאליציי־רעוויר רופט מען מיך כסדר און אין אייך טאג ביי א פאר־מאכטער טיר זאגט צו מיר דער פאליציי־אפיציר: „וואלען זי ווירקליך איינען קאמפף פירן מיט דער געשטאפא? ווארום פארשווינדן זי דען ניכט? און וואס שנעלער!״

מיין אינערציע האט אלץ נאך אנגעהאלטן, איז נאך אלץ געווען א נא־טירלעך געפיל און איך בין מיר אנגעגאנגען מיט מיין דרך . . .

איינמאל גייענדיק לעצטנס אויפן קורפירשטנדאם זע איך א באקאנט פנים אין ס״א בגדים ווי עס פארשווינדט שנעל אין א טויער. מיינער איז נישט פייל און איך גיי נאך . . . יא, ס׳איז אלפרעד ריכארד מייער, „מונקע פונקע״ — א דייטשער פאעט, א הומאריסט, דער סעקרעטאר פונם קארטעל פון דייטשע לירוקער: „ביסט דו פעררוקט, אדער זע איך ניכט מער?״

ער וויל מיר קוקן שארף אין די אויגן אריין, אבער ער לאזט זיי אראפ: „איך מוס אונזערע זאכע בעשיצען!״

„נו, גיי מיר שוין אין דר׳ערד אריין״ . . . האב איך מער גערעדט צו מיר ווי צו אים״.

די זאכן האבן זיך גענומען צושפיצן — מעסערס אויף מעסערס! אין איניקע טעג ארום קריג איך א פלאקעט פונם דייטשן שרייבער־



פאריין א האקנקרייץ איז ארייגעקריצט אין אים, מיט א צוגעלייגטן בריוו, אין וועלכן עס שטייט, אז כ׳מוז באנייען מיין מיטגלידשאפט און א זדעם האקנקרייץ־פלאקעט האט יעדער מיטגליד צו טראגן אין קנאפלאך, אינם לאץ פון רעקל —

הכלל, בשעת ער האט געאגט, א באהאלטענער אין טויער „אונזערע זאכע״ האט ער מיך מיטאריינגענומען אין זייער כלל אריין; דאס הייסט, אז ער ווייסט שוין אויך עפעס אזוינס וואס ריכארד מילער, נאר ער נעמט מיך אין זייער כלל אריין און האט באשלאסן מיך צו באשיצן . . .

ניין, מיין כלל איז א זאנדערער! „כיון שהוציא את עצמו מן הכלל כפר בעיקר . . .״

איך האב מיך שוין היינט אויף דער נאכט צום שרייבטיש נישט צוריק־געזעצט. איך האב געפילט ווי עפעס אונטער מיינע פיס רוקט זיך; ווי עפעס וואלט געשוועבט איבער מיין קאפ און איז אוועקגעפלויגן — —

דריי יאר בין איך געזעסן „באותו המקום״ און מיך גערייניקט אינם בלוט פון „מזל טלה״ — בערלין 1935 — אין די בעל־שמסקע אין בראצ־לאווער פאעמעס און באלאדן פון מיין „אינדערהיים״ — 1936 — און דער עיקר אין מיינע טאטע־סאנעטן — 1934 —.

עס אי א שווערע נאכט געווען! עס ווערט דיר עפעס אוועקגעריסן פון אונטער דיינע פיס און יעדער שריט גליט אונטער דיר. ווען ס׳איז טאג געווארן בין איך שוין געשטאנען פאר דער טיר פונם „קארטעל״. ווען כ׳האב אנגעקלאפט האב איך געהערט אלפרעד ריכארדס: „העריין!״

„דו ווירסט דאך מיך פארשטעהן!״ און איך האב די מיטגלידס־קארטע מיטן האקנקרייץ־פלאקעט אנידערגעלייגט.

„יא!״ האט עס געגעבן א קלאפ ווי די גיליאטינע־האק און אונזערע ביידנס קעפ האבן זיך אראפגעלאזט ווי אפגעהאקטע.

איך האב די טיר נישט פארהאקט. איך בין שטיל ארויסגעגאנגען און ער איז אזוי אפיצירישׂ־פרייסיש געבליבן שטיין אין זיינע ס״א־קליידער.

איך האב געוואוסט, אז איך מוז יעצט וואס גיכער פארשווינדן.

אבער וויאזוי? מיט מיין שטאאטנלאזן פאס?

אבער האט נישט א פילאזאף דאך שוין אמאל געזאגט: און אפשר איז גאט אליין גאר דער צופאל? . . . יא, „עס פאלט פונם הימל אראפ.״ האט מיין מאמע געזאגט.

### ב

איך קום אהיים, הער איך אין מיין שטוב א באוועגונג: שוין? מ׳ברויך דאך נאר צו טעלעפאנירן און זיי לויפן אן ווי די משוגעים, ווי די הינט . . .

אין שטוב איז געזעסן עליזאבעט וועלער אן אויפגערעגטע, אבער א פריילעכע — זי האט גוטע נייעס פאר מיר.

„ביי קייזערן שטייט איין אן ענגלישע דאמע. זי איז דא געווען ביי די ספארט־פייערונגען און נאכמיטאג פארט זי צוריק אהיים. זאל איך מיט איר זאפארט צופארן צו די קייזערס! עס איז דא א מעגלעכקייט פאר אן

ענגלישער וויזע — זער אן אנגענעמער מענטש". זי האט ממש גערעדט ווי א שדכנטע . . .

ווען מיר זיינען צו די קייזערס אריינגעקומען, איז די זאך שוין געווען באשטימט. קייזער, ווי א צייטונגס־מענטש, האט ער מסתם נאך מער געוואוסט פון מילערן און אז נאך די ספארט־פעסטיוואלן איצט ווערט דער „קורס" נאך שארפער — „יידיש בלוט פאן שארפע מעסערס שפריצט"!

אין איניקע טעג ארום האב איך געהאט אן „איינרייזע דערלויבעניש" קיין ענגלאנד אויף דרייסיק טעג, מיט איין באדינג נישט צו פארלאנגען קיין פארלענגערונג ביים „האום אפיס" — אינערן מיניסטעריום —. די אורזאך פון דעם נסיעה מיינער איז צו שרייבן איבער ענגלישער מאלעריי.

די נאכט פארן אוועקפארן זענען מיר, איניקע פריינט, געזעסן ביי ריכארד מילערן אין זיין „ריכארד וואגנער־צימער". קוקנדיק אויף דער גאלד־איינגערעמטער וואגנער־פאטאגראפיע אויפן „פליגל", האב איך אין מיין געזעגענען מיך מיט זיי געזאגט:

„עס וועט גארנישט העלפן, קעגן גאנג פון דער געשיכטע קען מען נישט מיט לאנצקנעכט־שטיוול מארשירן און וואגנערישע מארשן וועלן אויך קיין סך נישט אויפטון. קיין שום פארטיי־מאנטל אדער סאלדאטן־שינעל קאן נישט העלפן. יעדעס פאלק טוט אפ זיינס, און ס'מוז גיין. קיין שום ווילנס־קראפט העלפט נישט — די נאטור פארלאנגט עכטע קראפט — —"

ריכארד האט מסתם מורא געהאט פאר מיינע ווייטערע רייד און איז אריינגעפאלן מיט א וואגנער־מארש ווי בעת א חתן האלט זיין אויסגעלערנטע דרשה . . .

איך האב עליזאבעט וועלער געברענגט צו דער פאטסדאמער אונטערגרונט־באן און אפגעשמועסט עלף אזייגער אויף דער צאא־פלאטפארמע ווען דער צוג וועט אפגיין.

איך האב די נאכט אין דער היים נישט געשלאפן, צי ווייל כ'האב מורא געהאט אדער ווייל געוואלט די נאכט אין בערלין מיט מיר נאך מיטנעמען — האב איך דאך דא אזויפיל געשריבן און אזויפיל צו איר אליין, צו דער שטאט גופא.

ווען דער צוג האט אפגעפיפן זיינען געווען צוויי, וואס האבן צו מיר געוואונקען: ד"ר סיסטער און עליזאבעט וועלער. איר פנים איז געווען פול מיט טרערן. מסתם דערפאר וואס איך פאר אוועק, אבער נאך מער פאר פרייד, וואס זי זעט מיך אוועקפארן א לעבעדיקן . . .

אין האנאווער, וואו דער שנעלצוג האט געהאלטן איניקע מינוט, האט מיך אפגעווארט איר ברודער האנס, א יונגער דיריגענט־סטודענט, וואס שטודירט אין האנאווער.

זייענדיק פאר איניקע חדשים אין בערלין, האט ער מיך באזוכט און ארויסקומענדיק אין דער „קאנווערזאציע" אויף פאליטיק, כאפט ער זיך ארויס: „איסט דער פירער דען קיין זשעני?" איך בין צוגעגאנגען צו דער טיר, זי געעפנט: „ווען דו דענקסט זא, ביטע . . ."



דאס גאנצע ביסל דייטש געלט, וואס איך האב געהאט ביי מיר, האב איך אים געשטופט אין דער האנט אריין בשעת דער צוג האט זיך גערירט.

צו דער האלענדישער גרענעץ איז דער צוג אנגעקומען פארנאכט. עפעס האט דער בין־השמשות אויסגעזען יום־כפורדיק: קען מען דען נישט דא ביי דער גרענעץ מיך נאך א נעם־אראפ געבן?. . .

די דייטשע גרענעץ־באאמטע זיינען ארויפגעקומען מיט א „הייל־היטלער"־רעש, אבער דאס באקוקן די פעסער, דאס געפעק, איז געווען אויבנאויפיק. איז דאך דער גאנצער קופע פול געווען מיט באזוכער, אויסלענדישע באזוכער פונם „פעסטיוואל".

אין מיין שטאאטנלאזן פאס האט ער לאנג אריינגעקוקט און געדרייט. אין קאפער, וואס איז געווען אזוי איינגעפאקט, אז מ'זאל בפירוש זעען, אז ס'איז נאר אויף א רייזע פון דרייסיג טעג, האט ער קוים א קוק געטון.

עס איז געווען דער 18טער נאוועמבער, 1936.

שווער סאפנדיק, ווי מיטן לעצטן אטעם שוין, איז דער צוג אריין אין ליווערפול־סטיישאן — אן ארויסגעשלעפטער פון בראנדיקע פלאמען ביז איך געשטאנען אין א פאגע־נעפל און פונקען־צעשפריצטן רויך און פעסט אין דער האנט געהאלטן מיין רענצל.

„מיסטער שטענצל! מיסטער שטענצל!?" הער איך שרייען מיין נאמען פוןביידע זייטן, ווי א בת־קול וואלט גערופן און און עכא וואלט געענטפערט.

אין וועלכער זייט ווענדט מען זיך אין דעם טומאן פון נעפל און רויך־געדיכטעניש, צעמישעניש?

פון ביידע זייטן זיינען צוויי מענטשן צוגעקומען, איינער א פרייליכער, מיט ליכטיק־צעשמייכלטע אויגן; דער צווייטער, עפעס א מין לאפיטוט: „איר זענט מיסטער שטענצעל?"

דאס מיינט מען דאך טאקע מיך! וואס זיי האבן ווייטער גערעדט האב איך שוין אין מיין טויט־מידקייט ווי א מת ביים ארויסקוקן פונם קבר הערנדיק דאס שרייען: „מה שמך"? און צעמישעניש נישט פארשטאנען —

זיי האבן מיך א נעם געטון!. . .

אנקומענדיק צום פלאץ, וואו זיי האבן מיר געברענגט און דערזען אויף דער וואנט די יידישע אותיות: „דער שעלטער" און דערהערט דעם טומל פון אינעווייניק — און ערשט אינעווייניק!

איך דריי מיך אויס צום לאכנדיקן: „וואס עפעס שעלטער?" הער איך פון אפיס־טיש א באטעמט היימיש לשון:

„בעסער די קללה פון גאט איידער די ברכה פון מענטש".

דאס איז געווען מר. מאנדי, דער דירעקטאר פונם שעלטער:

„דאכט זיך איר האט א דעפעשע פאר דעם מיסטער שטענצעל. קודם פירט אים אראפ און דערווארעמט אים מיט א „קאפ און טי".

אין קעלער האט עס טאקע געקאכט ווי אין א גיהינום־קעסל . . .

דער, וואס האט מיך אראפגעפירט, האט מיך געזעצט ביי א טיש, דערלאנג מיר א טעפעלע טיי מיט דער דעפעשע; האט מיר אויך געגעבן א יידישע

צייטונג. עס איז געווען מר. מייקלסאן:

„יעצט בין איך פארנומען, אבער נאכמיטאג וועל איך אייך קאנען זיין צו דינסט אין אלע אייערע ענינים".

קוקנדיק אויף דער צייטונג און זעענדיק אן ארטיקל איבער מיין לעצט ביכל „פונדערהיים", בלייב איך נשתומם און פארגעס צומאל צו עפענען די דעפעשע:

וואס טוט זיך דא, איז דאס א קבלת־פנים? פון וואו האבן זיי געוואוסט, אז איך קום? און ווי קומט ניגער קיין לאנדאן?! איך קוק אויף דער דאטע פון דער צייטונג:

ס'איז דער זעלבער טאג, ווען איך האב דאס ענגלישע פריילין קענען געלערנט.

כ'דערמאן מיך אין דער דעפעשע און רייס זי אויף:

צען אזייגער קום איך אן, קריסטאבעל פאולער.

די דעפעשע, זע איך, קומט אן פון ליווערפול.

דורכן קאפ לויפט מיר ווידער אדורך, צי האט נישט אפשר א פילאזאף אמאל געזאגט:

און אפשר איז גאט אליין דער צופאל — „עס פאלט פון הימל אראפ"!

געהאט דעם אדרעס, און דאס מוז דאך זיין ערגעץ דא־וואו נישט ווייט. האב איך מיך געלאזט גיין צו דער רעדאקציע — דער גאנצער דרויסן אליין א גרויסע אילומינאציע! ווי פאפירענע לאמטערן לויכטן די עלעקטרישע לעמפ אין דער נעפל־פאגע. עס קלינגען די טראמווייען, די אויטאבוסן טראמווייען. דו דרייסט דיך, דרייסט דיך און אין דיר אליין איז אזא ליכטיקער יום־טוב.

אט שטייסטו פנים־אל־פנים מיט א מענטש. דרייסט דיך אויס, און שוין איז ער נישטא — א פארכשופטע וועלט! איך האב מורא ווייטער צו גיין.

צען אזייגער וועט זי דאך דא זיין, ווי הייסט זי, קריסטאבעל? — — און כ'לאז מיך צוריק צום „שעלטער".

זי האט שוין געווארט אויף מיר אין אפיס.

מרדכי נארקיס

## צו משה עובד

. . . „און ער באנדאזשירט איר האנט מיט אפאר אור־אלטע גאלדענע ארעמבענדער. פון וואנען זיי שטאמען האט ער אליין נישט געוואוסט. נאר שוין זיינען זיי געווען ווי צוויי רעגנבויגנס אויף דער ראזאווער הימל־הויט. און ווארעם איז געווען זייער גאלד, ווי דאס האלזן פון א געליבטן" — —



. . . „היינט פיל איך וואס אן אלטער
פינגערהוט דערציילט מיר"
. . . „צומערשט פארלירט א פאלק געפיל
פאר גאלד און זילבער און פאר אלע מעטאלן
און טייערע שטיינער. דערנאך . . איז מען
שוין אויפן דרך־המלך צו פארטיליקן ס'גאנצע
מענטשלעכע מין"— —

צו משה עובד א לויב, צו משה עובד א דאנק פאר איין אוצר, וועלכן ער האט ווידער אויפגעפונען, און אונז ווידער צוריקגעגעבן: דעם אוצר פון ליבע צום מאטעריאל, צו דעם חומר.

איך ליב פון אייביק אן דיכטונג, פילאזאפיע און מוזיק, כאטש כ'קאן זיי נישט שרייבן. אזוי גוט ווי כ'ליב קונסט און פארשטיי זי, ווי ס'שיינט מיר, און קען זי דאך נישט מאכן מיט אייגענע הענט. איך קען אפילו נישט גענוג אנאליזירן און אפשאצן דעם דיכטערישן ווערט פון די געדיכטן פון משה עובד, וועלכע זיינען דאס שטאמלען פון איוב'שער ווייטאק, איבערגעגעבן מיט זיך אליין. עס איז נישט מיין געביט, און איך טאר אפשר גאר וועגן דעם נישט זאגן. דאך, איך געניס פון זיינע לידער, בין טועם זייער טעם. אזוי שרייבט עמיץ אין וועמענס אונטערבאוואוסטזיין ליגט דער צער פון הונדערטער דורות יידן, וואס האבן געליטן פאר זייער יידישקייט און זיך געלאזט פארברענען דערפאר.

אנדערש איז מיט זיין ליבע צום מאטעריאל, מיט זיין פארשטענדעניש פאר דעם לשון פון זאכן. דא פיל איך זיך אביסל אינדערהיים. זייט כמה וכמה יארן אינטערעסירט מיך די מאטעריעלע קולטור פונם ייד אויף דער גארער וועלט. און נישט איינמאל מוז איך באוויינען ווי ווייניק געפיל מען האט ביי אונז, היינט, פאר דער חאזיקער קולטור. איך גלויב, אז פיל פון אונזערע מאטעריעלע אוצרות זיינען צעשמאלצן, פארברענט, פארווארלאזט, און אפילו אומגעקומען נאר דערפאר, ווייל צווישן אונז, ווי אפשר אויך צווישן אנדערע פעלקער, האבן פיל געהאט צו זאגן מענטשן, וואס אלעם איז פאר זיי געווען רוח. אייגנטלעך: ווינט, רויך, נעפל — נאר נישט מאטעריעל.

און דווקא דאס איז אזוי זאנדערבאר!

איז נאך פאראן א פאלק, וואס אלע זיינע פארגלייכן זיינען אזוי מאטעריעל?! די ליבע צו דעם מאטעריאל אלס אזעלכן, נישט צום גאלד און זילבער וואס האט זיין געלט־ווערט, נאר צו דעם מעטאל אלס מאטריע, צי עס איז גאלד, צי מעש, צי אייזן, איידלשטיין — מאטעריאלן וואס האבן זייער רעכט צו לעבן און דינען אלס משל פאר דעם אויסלייטערן, א מין אנטראפאפארפיע

---

* דעם ארטיקל איבער משה עובד'ן פונם געוועזענעם דירעקטאר פון „בצלאל" אין ירושלים און דעם עסיי פון קרעדיטאר האט אונז צוגעשיקט י. ח. קלינגער וואס איז געבליבן אין זיין ארכיוו פון זיינע דא ארויסגעגעבענע זשורנאלן.

אין אומגעקערטן זין, א מין מאטעריאלאמארפיע, אויב מ׳קען דאס אזוי אנרופן. „וצרפתים כצרוף את הזהב“ — און איך וועל זיי אויסלייטערן ווי מען לייטערט גאלד — גייט ווי א רויטער פאדים — אדורך דורך אונזער גאנצער אלטער ליטעראטור, אנהייבנדיק פונם תנ״ך, אדורכגייענדיק די מדרשים און דעם תלמוד, אונזער מיטל־אלטערלעכע דיכטונג, סאי רעליגיעזע און סאי סעקולער. זי זעצט זיך פארט אין אונזערע מיטלאלטערלעכע שאלות־ותשובות ביז הייך אין אונזער צייט.

פיל גלויבן, אז יידן האבן ליב געהאט צירונג, ווייל זיי האבן אין דעם געזעען א מיטל צו זאמלען אדער צו אינוועסטירן געלט. דאס איז נישט אזוי. ס׳איז צופיל מאטעריאליסטיש. אזוי זיינען מיר קיינמאל נישט געווען. זייד, אטלאס, פליוש און סאמעט זיינען ווייניקער ווערט אלס אינוועסטירונג פון קאפיטאל, און וואס פאר א ליבע האבן אונזערע אבות געהאט פאר דעם מין פון מאטעריאל! סאמעט און אטלאס זיינען אפילו געווארן טיף פארגייסטיקט — סימבאלן אויף אונזערע שוויתי׳ס. סמוט — איז א ראשי־תיבות פון „סור מרע ועשה טוב“, און אטלאס — פון „אך טוב לישראל אלקים סלה“.

אז רבי יהודה החסיד באשטימט אינם עלפטן יארהונדערט אלס א כלל, אז יידישע מענער קליידן זייערע פרויען בעסער ווי אנדערע פעלקער — באשטימט ער הערמיט אן אקסיאמע, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר אונז. מיר זיינען, ווייזט אויס כאטש גרויסע מבינים אויף עסן מיט א טעם, נישט געווען קיין גרויסע מזיקים אין דער גאסטראנאמיע. און ווען מיר לעזן ביי משה עובד זיין אידעאליזאציע פון דער יידישער קיך, וואס איז דער טרעף־פונקט פון יידן אסימילירטע מיט נאציאנאלע יידן, פון טרפה׳ניאקעס און כשר׳ע יידן, ווייסן מיר דאך, אז די טראגעדיע פון די יידישע הענדלעך מיט זייערע געפילטע העלזלעך, ווי ער דערהויבט דאס צו א סימבאל; ווייסן מיר, אז דאס איז דאך נישט אונזער כח. ווען ביאליק שילדערט אונז א יידישן פרעסער אין דער צייט פון שלמה המלך וואונדערן מיר זיך: פון וואנען? פון וואנען קומט ער צו אונז? אז הזז מאלט אונז אן אן אוקראינישן ייד א גורמאן, מיט גרויס קונסט־און־באאבאכטונגס־טאלאנט, באוואונדערן מיר אים פאר זיין טיפן בליק, פאר זיין איינקוקן זיך, פאר זיין קינסטלערישער רעאליזירונג. ניין, דארט איז נישט אונזער דאמענע. אבער די ליבע, מיט וועלכער מען באשרייבט ביי אונז מאטעריאל און באנוצט דאס פאר א משל — דאס איז ממש צו באוואונדערן. איך קאן דא נישט שרייבן א שטודיע איבער דעם ענין — ווייל כ׳וואלט דאך וועלן ריידן איבער משה עובד, נאר איך בין זיכער, אז ביי א גרינטלעכער שטודיע וועלן זיך ארויסשטעלן אינטערעסאנטע אייגנשאפטן פאר אונזער באציאונג צום מאטעריאל. דווקא ביי אונז, א פאלק, וואס איז גארנישט אזוי מאטעריאליסטיש, ווי די וועלט וויל דאס האבן.

די שיינע זיידן, די שיינע פליושן וואס פארצירן אונזער תורה — און אונזערע יידישע כלות — די זילבער־כלים, און אמאל אויך גאלד, אבער — אפילו מעש, צין און אייזן־בלעך אין ארימע געגנטן — דאס זיינען אן אלטע טראדיציע, פון וועלכער די משנה און דער מדרש דערציילן אונז ווי שיין



פארצירט זיי זיינען געווען. אויף „זה קלי ואנוהו“ דרשענען אונזערע חכמים „מאך זיך שיין פאר גאט מיט שיינע כלים: מאך דיר א שיינעם ספר־תורה, לאז אים שרייבן אויף שיינעם פארמעט, וויקל אים ארום מיט זיידענע טיכער, טו אים אן סאמעטענע העמדלעך, באציר אים מיט גאלד און זילבער.“ און אז מיר לייענען ווי שלום אש שילדערט מיט זיין גרויסער קונסט די יידישע פרויען, וואס שטיקן די פרוכת — און שוין דער תלמוד זינגט דעם לויב פון די פרויען, וואס וועבן פרוכת׳ן! — זעט מען ווי ווייט די דאזיקע ליבע צום מאטעריאל האט דערגרייכט.

אלס אן אפקלאנג פון דער ליבע צום מאטעריאל, האבן מיר אין אונזער אוצר די וואונדערבארע מעשה פון רבי נחמן מבראסלאוו וועגן דעם בן־מלך וואס וואנדערט אלס גאלדשמיד איבער דער וועלט און מאכט גאלד־רינגען. יעדער באצאלט אים דאס גאלד לויט זיין ווערט, און ווייניקער פאר זיין ארבעט ביז ער טרעפט איינמאל דעם אמתן מבין, וועלכער פארשטייט וואס הייסט מאטעריאל, וועלכער באקומט פארם, איז לובש צורה; דעם לבוש, אין וועלכן ער בויטיקט זיך — און יענער באצאלט פאר דעם גאלד דעם חלק, וואס עס איז ווערט אלס מאטעריאל, אבער פאר דער פארמונג פון דער מאטעריע צו א מאטעריאל — פיל געלט . . . דעמאלט קומט דער ריכטיקער קינסטלער אויף זיין תיקון.

משה עובד האט אליין פיל געפארמט. ער האט דורך זיינע פלאסטיקן געצייגט וואס פאראינערלעכונג פון מאטעריאל קאן ברענגען דורך אויסדרוק. ער קען, א סברה, מבטל מאכן דעם חומר און ווערן א נייע מאטעריע, א לעבן פאר זיך. עס איז נאך צופרי צו מאכן איצטער א חשבון פאר זיין שאפן אויף דעם שטח, ווען אציגעלע זיינס באקומט אפאר פיאותלעך, און דער ארגאנישער געפיל פאר מאטעריאל וועלכער לעבט אין אים — מאכט די פיאות אזוי נאטירלעך, אזוי גלויבווירדיק, אז ס׳פאלט דיר נישט איין צו פרעגן קשיות וועגן דעם.

איך וויל מיך דא אומקערן צו א פריערדיקער עפאכע אין דעם לעבנסווערק פון משה עובד, ווייל אלץ וואס ער האט געטון איז א ווערק, אן עבודה, א הייליקער דינסט — זיין צייטליש איז באמת דערהויבן געווארן צו דער מדרגה פון א מזבח, אויף וועלכן מען טאר נישט לאזן ליגן קיין מעסער . . . איך וויל באטראכטן זיין ליבע צום מאטעריאל און ווי ער באשרייבט דאס — ווי ער האט עס געטון אין זיין בוך „וויזיאנען און איידלשטיינער“.

מיט פיל יארן צוריק, שוין מער ווי צוואנציק יאר, איז מיר געפאלן אין די הענט אריין — ממש געפאלן — א בוך פון א מחבר, וועגן וועלכן כ׳מוז מודה זיין צו מיין שאנדע, כ׳האב נישט פיל געוואוסט. יא, געמיינזאמע באקאנטע פלעגן דערציילן וועגן א ייד מיט א „קמיע ווינקל“, א משונהדיקער ייד — אביסל שפעטער האב איך געהאט די שמחה דעם מחבר צו קענען פערזענלעך. דער נאמען פון בוך האט מיר געקלונגען אביסל דייטשמעריש — פאר מיין געפיל אין יענער צייט. היינט — זאל גאט שומר ומציל זיין!

— קען איך מיך שוין אליין נישט אויסהיטן פון דייטשמעריזמען אין מיין יידיש. דאס בוך האט געהייסן „וויזיאנען און אידלשטיינער“, און זיין מחבר — משה עובד — עדוואַרד גוד —.

איך וויל מיך דא נישט אפשטעלן אויף דעם אייגנטלעכן הומאר, אויף דעם לשון און פארם —ביידע זיינען געווען אביסל שטאמלדיק פאר מיין געפיל. איך האב א זין פאר שטאמלער, זיי זאגן טיילמאל אפגעריסענע ווערטער, וועלכע זיינען ווערטפול. נאר, ווידער, דאס איז נישט מיין געביט. איך בין נישט אינדערהיים ביי די ענינים. היימיש בין איך מיט מאטעריאל — און איך בין פון מינוט־צו־מינוט ארויס פון די כלים: ווי קומט דאס צו אונז, ווען אונזערע ליטעראטורן — ביידע — האבן מיר דען נישט מער ?— דערווייטערן זיך פון טאג־צו־טאג פון דער אויפפאסונג פון מאטעריאל, פון זעען אין מאטעריאל א באזונדער לעבן? און דא קומט צו גיין א ייד א זייגער־מאכער, וועלכער זעט ווי דער בן־מלך פון רבי נחמן בראסלאווערס מעשה, אז די קונסט ליגט אין פארמען, און זאגט צו אונזער משה עובד כהאי לשון:

— —„איך האבנאך קיינמאל נישט געזעען א צילינדער, געמאכט מיט די הענט, אזוי פערפעקטן“ און וואס מיינט איר? דער זייגערמאכער, דער דעמאלטיקער „באס“ פון משה עובד, זאגט צו אים: „גודאק — אזוי הייסט דעמאלט משה עובד —„דאס זייגערל גיב איך קיינמאל נישט צוריק דעם קליענט, און זאל ער מיך אנקלאגן“ —

און אזויוי אלעס טרעפט משה עובד, ווי איר ווייסט פון זיין בוך, טרעפט אים דער בעל־הבית נאך צען יאר און נעמט ארויס דעם זייגער און זאגט צו משה עובדן:

—„זעסטו, איך טראג נאך דאס זייגערל, וואס דו האסט דעם צילינדער געמאכט מיט די הענט. עס איז מיין רעגולאטאר“— —

אויב אמת אדער נישט, אויב דער בעל־הבית איז אן אויסגעטראכטער טרעגער פון משה עובדס ליבע צום מאטעריאל אדער נישט, ער איז גלויב־ווירדיק. „סי נאן עווערא ע בען טראוואטא“— אויב ס'איז נישט אמת, איז עס גוט אויסגעפונען — זאגט דער איטאליענער. משה עובד האט דאס מויל פון א יידישן זייגערמאכער אין לאנדאן און געלאזט אים ווייטער טראגן די ירושה פון ליבע צום מאטעריאל.

שפעטער אין ארץ־ישראל, ווען כ'האב זיך דערנעענטערט צו משה עובדן און האב אויך געזען ווי ער פארשטייט צו שעצן די ארבעט פון סאה, וועל־כע האט ווירקלעך אנגעקליידט א גרויסן לבוש דעם מאטעריאל, האב איך זיי ביידע באגריפן, פארשטאנען. ביי ביידן האב איך געזען די דאזיקע ליבע צים מאטעריאל, וואס ווערט געשעצט נישט לויט זיין ווערט אין געלט, נאר לויט זיין אייגענעם אינהאלט, כ'וואלט זאגן זיין פיינגעהאלט, וואס מיינט די ריינקייט פון א מעטאל; דא, די ריינקייט פונם מאטעריאל.

מען וואלט געקענט ציטירן יעדעס זייטל פון בוך, אבער דאס איז אפילו נישט נויטיק. נעמט א שטייגער א קליין קאפיטל, עס איז א שילדערונג, פאר עקסעלאנס, פון א „נאטיור מארט“, וועלכן משה עובד גיט א נייעם



לעבן. אט לייענט:

„הינטער מיין רוקן — הענגט א מעשענער מנורה־שפיגל — דריי ארי־גינעל — ער וויל זאגן: משונהדיקע — געבויגענע הערן פארצווייגן זיך ארויף פונם שפיגל צו האלטן די ליכט. ביי מיר אבער ווערן די צווייגן גענוצט שוין זייט א שאק מיט יארן פאר אויפהענגען אויף זיי הונדערטער שנירלעך מיט פאטשערקעס. אויף יעדן צווייג הענגען זיי חמרים־וויינז פון כלערליי מינים — דער ווייך־רויטער, אינדישער קארנעאל, דער הימל־בלויער, פערסישער טור־קיז, דער פעך־שווארצער, דייטשער אניקס און דער בלוט־רויטער, איטאל־יענישער קאראל זינגען מיטן מילכיקן, אונגארישן אפאל, מיטן פייערדיקן אפאל פון מעקסיקא, מיטן גראז־גרינעם מאלאכיט פון סיביר און מיט נאטיר־לעך־היעראגליפישע אגאטן פון שאטלאנד, דעם הארטן אויסגעבעטענעם, אויסגעטרוקנטן בורשטין פון ארץ־ישראל און אראביען, מונטערן זיי מיט א זאפטיקן זמר . . .

ס'איז נישט אזוי די פארם פון דער שילדערונג, וועלכע וויזט אייך דעם „נאטיור מארט“, עס איז דאס ווידער־צום־לעבן־דערוואכטע געפיל פאר מא־טעריאל, וואס פארפאפט אונז. ווי לאנגע דורות שוין האט ביי אונז נישט געקלונגען אזא מאטעריאל־געפיל פאר מאטעריע, פאר שטיין, וועלכער ווערט וויזיע ?!

כ'וויל נישט ציען קיין אנאלאגיעס, נאר דאס איז א ירושה פון דער זאנדערבארער שילדערונג פון שלמה המלך, „כמגדל דוד צווארך“— דיין האלז איז ווי א טורם פון דודן.

ווי גליקלעך איז משה עובד אז עמיץ פון זיינע קונים פארליבט זיך אין זיין מאטעריאל, שעצט אפ ידמאטעריע, ער פארקויפט דא אן ריווח פאר־קויפט? דאס בארימט ער זיך נאר: ער שענקט עס אוועק; א טרער איז ביי אים מער ווערט ווי דאס געלט, וואס ער קאן אפנעמען פאר זיינע אוצרות. צי איז דאס אן אפאל, צי עפעס א רובין וואס העלפט איילן א טויט־קראנקע פרוי, אדער זיינען דאס פאמשערקעס וואס באנייען א פרוי און מאכן זי פאר א נייעם מענטשן; אדער גאר די אגאטן, וואס עמיצער א משוגענער קויפט זיי אויס ליבע צו זיי און שטעלט זיך בדיל־הדל, און שפעטער — ווי דאס טרעפט נאר משה עובדן אליין! — זעט ער דעם דאזיקן בעל־דבר, דעם רייכן עמיצן, ארומלויפן אין צעריסענע בגדים: ער האט אויסגעגעבן, אזוי צו זאגן, זיין גאנצן אוצר פאר זיין ליבע צו די שטיינער. — אט דאס הייסט אמתע ליבע צום מאטעריאל ווי משה עובד, נאר ער אליין קאן זי אויסטראכטן.

און סאלאמאס זייגער? יא, כ'ווייס שלום עליכמס זייגער האט אויסגע־שלאגן דרייצן, און ווער נאך גרעסער פאר אונז אין קונסט ווי שלום עליכם? אבער משה עובד האט די ירושה אים איבערגענומען — גלויב אים אדער לייגט: ער זעט דאס הארץ פונם זייגער, פון זיין מאטעריאל. יעדעס שריי־פעלע, יעדעס רעדעלע לעבט פאר אים ווען ער קוקט הערויף און רעדט צו אים מיט דעם יידיש־לשון, איך וועלכן ער איז פארליבט ביז איבער די אויערן — און אפשר אביסל צופיל — נאר ווייטער: מען מוז אים גלויבן ווען ער

רעדט אזוי איבערצייגנדיק וועגן דער יידישקייט פון א זייגערל:

„א יידיש זייגערל וואלט איך דערקענט מיילן ווייט דורך דעם קרעכץ פון דער ספרוזשינע, ווען מען ציט דאס אן; ביים האסטיקן ערקספרעס־גאנג און ביים פלוצימדיקן קליאטש־געקריך; ביי די אונטערלייגטע האר פון די אונטערגעהאקטע קלובעס; ביי די אפגעפיילטע שפיצן פון שפינדל; ביי די שטאכעטלעך פון גאלדענעם באלאנס — געוויכט — ווייס זיינען צוזאמענגעלייט מיט צין; ביי די דינע, געבויגענע העקלעך, וואס קנאקן, קנאקענדיק ווי אן אייל־בלעכל פון א ניי־מאשין; ביי די צווי ווייזער מזוזהלעך, וואס איינער שלעפט קיין מזרח און דער אנדערער קיין מערב און ביידע פארטשעפען זיך אינם קליינעם סעקונדע־ווייזערל, וואס ווארפט זיך אויף אלע זייטן און רייבט זיך אין שמוץ פונם ציפערבלאט און קען נישט ארויסקריכן פאר קיין געלט אין דער וועלט" — —

איך ווייס נישט, אפשר זעען אויך אנדערע זייגערלעך פון פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה אזוי אויס. אבער דער בליק, דאס זעען, דאס שילדערן דאס מאטעריאל, ער איז דאך א מזיק אין הלכות מאטעריאל, ווען ער בארימט זיך, אז „ביי דער קייט אליין וואלט איך דען נישט געטראפן — אז ס'איז יידיש —?— —

היינט דאס מאטעריאל אין זיין וועסטל־קעשענע. דער אינהאלט דארט איז א רייכער. אוצרות טראגט ער ארום מיט זיך. און יעדעס שטיקל שטיינדל, אדער זילבער אדער גאלד, אדער גלאט „שמאכטעס", וואס ער אליין באמערקט זיי אין די גאסן פון לאנדאן און בלאטעס — אלץ לעבט דארט אויף, עפנט זיין מויל און רעדט מיט מאטעריאל־לשון, וואס איז שוין פארגעסן זייט דורות. ער זעצט אויס אויף נסים פון זיין וועסטל־קעשענע אלע זיינע ליבעסקראנקע פאציענטן, וואס לעכצן נאך א קאפיטשקע פון מאטעריע; זוכן מאטעריאל אין זייער בענקשאפט און געפינען דאס ביי משה עובדן, געפינען זייער טרייסט און האפנונג.

ממש א כישוף־מאכער!

און ווי מענטשלעך דאס אלץ איז! די טרערן וואס עמיץ פארגיסט, דאס אומגליק וואס עמיצן טרעפט, דער פארלוסט פון א הייס־געליבטער טאכטער — אלץ זעט משה עובד. ער האט זיינע מענטשן ליב ווי מאטעריאל. ער איז נישט א ליבהאבער סתם פון טויטן מאטעריאל, ווייל מען האט אים; ווייל מ'פארמאגט אים. נאר ווי אן אמתער הומאניסט ווייסט ער, אז אן מענטשן איז נישטא ווער עס זאל אפשאצן און ליבן דעם חומר און די צורה.

ווי איז אבער צו יענעם מענטש, וועלכער רירט אן דעם כבוד פון זיינע אוצרות; ווען עמיצער נעמט ארויס פון זיין פול־באלאדענעם שופלאד א שטיקל גאלד אדער זילבער און פרעגט:

—„קענט איר מיר זאגן די געשיכטע פון דער א שמאטע, און — דער עיקר — וואס פאר א קאראט גאלד עס איז?"

נו, מילא, יענער האט זיך שוין געקויפט מפטיר! משה עובד פארקויפט



אזא איינעם גארנישט פאר כל הון דעלמא. ער וועט קורץ אפהאקן:

—„איך קען נישט מעטאלורגיע, ווייס נישט היסטאריע און אלכעמיע".

נאך מער, ער איז זיך נוקם מיט אן עכט־ווארעם געפיל פאר נקמה. ער קילט זיין בלוט, ווען ער קען באהענגען פרויטן, ווייס ווייסן נישט וואס צו טראגן. א גוטער מענטש ווי ער איז, א מזג טוב, וועט ער נישט מותר זיין.

כהער אים זאגן: ווער עס פארשטייט נישט מאטעריאל און ליבט נישט די נשמה הערפון, דעם קול פון אים, דער איז נישט ווערט דאס לעבן, וואס גאט, ברוך הוא, האט אים געגעבן — —

איצט, נאך יארן, נעם איך דאס בוך ווידער אין דער האנט, זיין „ווייזיגען און איידלשטיינער". דאס בוך איז גרעסער, דיקער, אויך שענער געדרוקט. צו דער גרויסער ליבע צום מאטעריאל האט זיך פארגרעסערט און פארטיפט די ליבע צו מענטשלעכקייט, דאס הומאנע. שוין אינם ערשטן טייל האט מען געקענט זען, אז משה עובד האט נישט נאר אן אנטראפאמארפישן צוגאנג צו זיינע שטיינער, אפילו צו זיין ציילטיש מיט וועלכן ער שמועסט זיך אויס און לאזט אים אליין ריידן, צו זיינע איידלשטיינער, צו זיין גאלד, זילבער, מעש און עלפנביין און יאד, נאר — וואס איז די הויפטזאך — א מענטשלעכע, הומאנע באציאונג. ווען נישט די מענטשן און זייערע ליידן, שמחות, פריינטשאפט, שנאה, שפאט און פארערונג, ליבע, טרויער גלייך; ווען נישט די מענטשן, וואס האלטן די איידלשטיינער ווערט געווען? אייגנטלעך, גארנישט. עס איז אומבאוואוסט די זעלבע לייזונג, צו וועלכער רבי נחמן פון בראסלאוו קומט, ווען ער לאזט דעם קעניג פארשטיין וואס דער וואנדערנדיקער בן־מלך גאלדשמיד האט געמאכט מיט דעם מאטעריאל.

שוין דעם ערשטן טייל פון זיין בוך שרייבט ער געווארעמט פון דער גרויסער ליבע צום מענטשן, די ליבע ווערט שטארקער, און דריקט זיך אויך שטארקער, קרעפטיקער אויס, ווערט רייפער פון דעם צווייטן צום דריטן און לעצטן טייל.

נישטאיך בין דער, וואס קאן באשטימען, אבער איז בארעכטיקט אפצושאצן משה עובדן אלס שרייבער, ליטעראט, אינם זין פון דעם ליטעראט לשמו. מיר שיינט, אז משה עובד איז נישט אויסן אויף דעם. ער האט די פשטות פון א שילדערער, א פארשטעלער, וואס צומערשט — פאר אלעם — ליבט ער. ער איז מענטשלעך; און דאס איז עס, וואס מאכט ביי אונז ציטערן א סטרונע פון הארצן.

אן שום ספק זיינען פאראן צווישן אונז נביאים, גרויסע דיכטער, געטלעך און געוואלטיק — אבער איך קאן קיינמאל נישט געניג באוואונדערן אזא גרויס ווערק, דעם ספר נחמיה, וואס איז באמת לויט אונזער אלטער פארטיילונג פון תנ"ך נישט קיין זעלבסטשטענדיק ספר, נאר בלויז א נספח צו עזרא. אבער נחמיה איז גרויס אין זיין פשטות, וואס איז גראנדיעז. און ווען ער שילדערט איך ווי ער שטייט אויף יעדע נאכט און רייט אויף זיין אייזל ארום דער מויער „ואיש אין עמי מלבד הבהמה אשר אני רוכב" — „און קיינער איז נישט מיט מיר, אויסער די בהמה אויף וועלכער איך רייט"—

שטעלן זיך איך די האר קאפויער און א קעלט לויפט אדורך דורך אייער רוקן.

כ'וויל דא נישט מאכן קיין פארגלייכן, אבער מיר שיינט, אז די דאזיקע זכרונות פון משה עובד געהערן צו דעם מענטשלעכסטן אין דער שילדערונג פון דעם, וואס מ'רופט אן דערלעבעניש. כ'האב מורא, אז מיין יידישער עקוויוואלענט פאר „ערלעבנים" איז נישט אזוי גוט, כדי אויסצודריקן וואס אונז צוריקגעפונען און צוריקגעגעבן אן אוצר, וועלכן מיר האבן געהאט כ'מיין.

מיט דעם בוך — און נישט נאר מיט דעם אליין — האט משה עובד פארלירן — די ליבע צום מאטעריאל. אבער צו דער גלייכער צייט האט ער דאס דערהויבן צו די הויכע ספערן פון ריינעם הומאניזם, צו ליבע פונם מענטשלעכן גייסט, צו דער ליבע צום מענטשן אין דעם ריינסטן זין פון דעם באגריף —

דערפאר א לויב צו משה עובדן — א דאנק אים!

און דערפאר א ברכה: נאך אויף אסך לאנגע יארן — עד מאה ועשרים!

אין צירין, אין גלות — א חנוכה־נאכט, 1954

ל. ש. קרעדיטאר, ז"ל

## ווען שיר־השירים איז געווען אין געפאר

— א בליק אין אונזער יידישער קולטור־געשיכטע —

נאך פארן אומפארשעמטן אקט פון נשיא, רבן גמליאל, וואס האט אויפגערעגט דעם צארן פון די תנאים און תלמידים אין דער יבנה־ישיבה, זענען די חכמים געווען זער אומצופרידן מיט דעם נשיאס אויפפירונג, ווארום וויל ער האט געשטאמט פון הלל הזקן האט ער זיך געפילט יחסנדיק און אנגעפירט מיט דער ישיבה ביד רמה.

און די יידישע געשיכטע שעמט זיך נישט צו דערציילן דעם אקט מיט אלע איינצלהייטן. מיר וועלן דאס איבערגעבן פינקטלעך פאר די לייענער, וואס ווייסן עס נישט.

איינער פון די ישיבה־לייט האט געפרעגט דעם תנא רבי יהושע בן־חנניה, וועלכער איז געווען בארימט אלס גרעסטער געלערנטער, צי איז דאווענען מעריב א חוב. מ'ז מען דאווענען אזוי ווי שחרית אדער איז דאס בלויז רשות? וויל מען, דאווענט מען; וויל מען נישט, דאווענט מען נישט?

האט רבי יהושע אים געזאגט קורץ און שארף, אז תפילת־מעריב איז רשות; עס איז נישט קיין פליכט.

דער, וואס האט געפרעגט, האט דערציילט די מעשה צום נשיא, וואס האלט, אז מעריב איז אויך א חוב; מען מוז דאווענען מעריב.

אין אמתן איז דאס א גאנץ נאטירלעכער פראצעס צווישן די חכמים.



איינער זאגט, אז מען מעג, דער צווייטער זאגט, אז מען טאר נישט. אזוי איז געווען צווישן די צוויי ישיבות: בית־שמאי און בית־הלל. דער ערשטער איז געווען שטרענג און דער צווייטער — זער מילד, און אין וואכעדיקן לעבן זענעןביידע ישיבות געווען פריינטלעך צווישן זיך.

ווען דער נשיא, רבן גמליאל, האט דערהערט דעם פסק־דין פון רבי יהושע בן־חנניה, איז ער געווארן אויפגעקאכט פונקט ווי ווען רבי יהושע וואלט געהאט געפסקנט, אז מען מעג עסן נבלות און טריפות.

אריינלויפנדיק אין דער ישיבה אריין צום שיעור, האט ער גלייך מיט רוגזה א פרעג געטון:

— איז דא עמיצער פאראנען צווישן די חכמים, וואס האלט, אז תפילת־מעריב איז רשות און נישט קיין פליכט?

האט רבי יהושע געשוויגן; ווייל ער האט נישט געוואלט באליידיקן דעם נשיא, האט ער זיין מיינונג נישט געזאגט.

— יהושע, — האט דער נשיא א געשריי געטון — שטעל דיך אויף!

אלע ישיבה לייט זענען אויפגערעגט געווארן פון אזא באפעל, פונקט ווי רבי יהושע וואלט געווען א חדר־יינגל, ווייל אלע אין דער ישיבה האבן געהאט דעם גרעסטן רעספעקט פאר אזא חכם אין תורה און מידות.

נאר דער נשיא האט זיי קיין אויפמערקזאמקייט נישט געשאנקען. זעענדיק ווי אלע קוקן אויף אים מיט פארבארגענעם גרימצארן, איז ער זיך געזעסן רואיק אויף זיין ארט אויבנאן און רבי יהושע איז געשטאנען ווי א קנעכט פאר זיין בייזן האר. און ווידער אין זעלביקן, שטרענגן טאן,

— יהושע, ענטפער מיר וואס איך וועל דיך פרעגן! האסטו געזאגט צו עמיצן, אז מעריב איז רשות און ווען מען דאווענט נישט קיין מעריב איז עס נישט קיין עבירה?

האט רבי יהושע לאנגזאם געענטפערט:

— מען וואלט געקענט אפלייקענען אן עדות ווען ער איז געשטארבן, אבער אן עדות, וואס לעבט, קען קיין לעבעדיקער נישט אפלייקענען.

דער נשיא איז געבליבן זיצן אויף זיין ארט און נישט געהייסן רבי יהושע זיך זעצן. ער האט אנגעהויבן דעם שיעור, לאזנדיק רבי יהושע שטיין. דער נשיא האט געענדיקט זיין שיעור, וואס האט געדויערט נאענט צו צוויי שעה, און רבי יהושע איז נאך אלץ געשטאנען. דער נשיא איז אוועק אהיים און געלאזן רבי יהושע שטיין.

ווען דער נשיא איז שוין געווען נאענט פון דער היים, האט זיך ערשט רבי יהושע אנידערגעזעצט און שווער אפגעאטעמט פון שטיין אזא לאנגע צייט. אבער דאס גערודער, וואס איז אנטשטאנען אין דער ישיבה און דער צארן פון אלע ישיבה־לייט און די תנאים, האט זיך דערהויבן צו א געשריי און טומל, אז א גרויסער עולם האט זיך ארומגעשטעלט ארום טיר און פענסטער זיך צו דערוויסן וואס איז דא פאר אזא כאאס אין דער ישיבה.

די תנאים און תלמידים האבן אויפגעהערט צו סודען זיך וועגן זייער פאדערונג; און להכעיס דעם נשיא, האבן זיי הויך גענומען אנטדעקן די פא־

דערונג, וואס זיי האבן לאנג שוין געהאלטן אין געהיים, אז מען זאל באהאלטן אדער פארלענדן די צוויי ספרים: שיר־השירים און קהלת; זיי זאלן זיך נישט געפינען אין תנ״ך, ווייל זיי האבן געזעען אין שיר־השירים ניבול־פה, זנות און אין קהלת איז כפירה, גאטסלעסטערונג.

ווי מעגן עס שטיין די דאזיקע ספרים צוזאמען מיט ישעיהו, ירמיהו און די אנדערע נביאים? זאל זיך דא אפילו בלוט גיסן, מיר וועלן דאס נישט דערלאזן. דער נשיא וואס נישט דערלאזן. דער נשיא וועט נישט אויספירן וואס ער וויל!

א שרעקלעכע בהלה האט גענומען הערשן אין דער ישיבה, וואו עס האבן זיך געפונען איבער הונדערט תלמידים און תנאים. די געשרייען האט מען געקענט הערן מחוץ די ווענט פון דער ישיבה. ארבעטער, פשוטע עם־הארצים, וועלכע זענען געגאנגען פון דער ארבעט, האבן זיך ארומגעשטעלט ארום די פענסטער אויפצוכאפן א ווארט, וואס די געשרייען באטייטן. מיט אפענער פרייד האבן זיך אויפגענומען דעם טומל, ווייל זיי, די עם־הארצים, האבן בטבע פיינט געהאט די תלמידי־חכמים פונקט אזוי ווי די חכמים האבן פיינט געהאט די עם־הארצים, די גראבע יונגען, וואס האבן אפילו נישט געקענט א ברכה מאכן איבער א רעטעך. אט די שנאה ביי יידן אין דער צייט פון די רוימישע הערשער האט נישט וויניק געווירקט צו מאכן אומזיכער דעם מצב פון יידישן פאלק. געלעכטער, זידלעריי האבן זיך גענומען הערן ביי מאנכע אינדרויסן:

— עס האט אויסגעבראכן אן אויפשטאנד צווישן די באנק־קוועשערס, די אומזיסטיקע פרעסערס, די ליידיק־גייערס! וואלטן זיי געארבעט פארן ביסן ברויט, ווי מיר, וואלטן זיי זיך נישט גרויס געהאלטן! אזעלכע ליידיק־גייערס, טפו, מען קען אויף זיי נישט קוקן!

איינער האט זיך אפגערופן:

— איך האב געהערט איינעם פון זיי, א געוועזענער פאסטוך ביים גביר, ווי רופט מען אים? כ׳האב פארגעסן. פון זיין מויל האב איך געהערט, „ווען איך וואלט געקענט כאפן איינעם פון די תלמידי־חכים, ווי זיי רופן זיך, וואלט איך אים צעריסן ווי א הערינג“ היינט, זאגט מען, איז ער גאר אן אנדערער. ער זאגט „ווען ער וואלט געקענט כאפן אן עם־הארץ, איינעם פון אונז, וואלט ער אים צעריסן ווי א הערינג!“ נו, דארף מען אזעלכע באשעפענישן האבן אויף דער וועלט?! ברענען זאלן זיי!

— קומט, לאמיר גיין אנזאגן אונזער כאליאסטרע, אז צווישן דער חברה ליידיק־גייערס איז אן אויפשטאנד, און זיי וועלן באלד שטיין מיט אונז און האלטן א ליופענע, א האמער אדער א לאם, אט די קרומע רוקנס!

בשעת אינדרויסן זענען פארגעקומען אזעלכע געשפרעכן, זענען אין דער ישיבה פארגעקומען גאנץ אנדערע, וואס די לייט אינדרויסן האבן דערפון נישט פארשטאנען קיין איין ווארט.

— ווי קען מען זיך אפילו פארשטעלן, אז אין אונזער הייליקן תנ״ך זאלן אריינגענומען ווערן אזעלכע ניבול־פה ווי „שני שדייך כשני עפרים“ —



דיינע צוויי בריסטן זענען ווי צוויי גאזעלן. אסור מיר צי איך ווייס וואס עס זענען „עפרים“!

— נו, נעמט אן אנדער פסוק, — האט זיך אפגערופן א צווייטער. — דאס דערציילט זי שלמהן: „מצאוני השומרים הסובבים בעיר. הכוני, פצעוני, נשאו את רדידי מעלי“ — די וועכטער, וואס שלייכן זיך ארום אין שטאט, האבן מיך געפונען, האבן מיך געשלאגן, וואונדן אנגעמאכט. האבן אראפגענומען מיין טיול־באדעקונג פון מיין פנים —. האט איר געהערט אזא מויד א זונה? זי שעמט זיך גארנישט.

— שא, ווארט, הערט אן אנדער פסוק, וואס דאס גאסן־מיידל זאגט צו שלמהן: „פשטתי את כתונתי, איככה אלבשנה, רחצתי את רגלי, איככה אטנפם“ — איך האב מיין העמד אויסגעטון, ווי קאן איך עס צוריק אנטון? איך האב מיר געוואשן די פיס, ווי קאן איך זיי ווידער איינשמוצן?— איר הערט, די אומפארשעמטע פאסטוכקע זאגט צו שלמה המלך, אז אט האט אויסגעטון איר העמד. זי איז שוין נאקעט און אירע פיס זענען אויך שוין ריין! איך פארשטיי ווען די מלכה שבא וואלט דאס געזאגט. ער א מלך, זי א מלכה, מילא, ווער ווייסט וואס עס קומט פאר אין די הויכע פענסטער. אבער אן איינפאכע כפאסטוכקע, ווי איז דאס מעגלעך, אז שלמה זאל זיך פארליבן אין אזעלכער און איר מאכן קאמפלימענטן? און ווי מעגן מיר דאס אריינגעמען וואו עס געפינען זיך די עשרת־הדברות און וואו ישעיה שרייט: „הוי גוי חוטא, עם כבד עוון“ און ירמיה זיפצט: „שומו שמים“!

— פארוואס רעדט איר בלויז פון שיר־השירים? איז דען קהלת בעסער? זאגט דען נישט שלמה: „הבל הבלים, הכל הבל“ — אלץ איז נארישקייט, הבל —. דער מענטש ווי די בהמה, דער מענטש שטארבט און די בהמה קוי־לעט מען. דאס איז כפירה. אזוי ווי שיר־השירים איז ריינע ניבול־פה, אזוי איז קהלת ריינע אפיקורסות. מיר וועלן נישט דערלאזן צו אזא חילול־השם!

ווען דער נשיא איז געקומען צו מנחה איז געווארן עטוואס רואיקער. די געשרייען זענען שטילער געווארן, נאר די פאדערונג צו פארלענדן שיר־השירים און קהלת איז געווען אזוי שטארק ווי פריער.

דער נשיא, רבן גמליאל, וואס בטבע איז ער געווען זער א פרידלעכער און פיינט געהאט מחלוקת, האט זיך אפגערופן:

— איך פארלאנג עס זאל זיין רואיק! לאמיר דאווענען מנחה און נאך מנחה וועל איך אייך דערקלערן; און איך האף, אז אין דער ישיבה וועט הערשן רו און ארדנונג. יעדנפאלס קענען מיר איצט נישט אנטשיידן אן רבי עקיבאן. מארגן וועט ער זיין פרי אין דער ישיבה און מיר וועלן אלע הערן זיין מיינונג. אלץ, וואס איך קען אייך זאגן איז, אז אזויווי קהלת ענדיקט זיך מיטן פסוק: „סוף דבר הכל נשמע ואת אלקים ירא“ — אלץ ווערט גע־הערט און אלץ ווערט פארשטאנען ווען מען איז א ירא־אלקים —. פאר דעם, וואס גלויבט אין השם־יתברך און אין תורת־משה זענען קיין קשיות נישטא. ער גלויבט וואס עס שטייט אין דער תורה און דאס, וואס ער פארשטייט נישט, הערט וואס מיר, חכמים, זאגן. דערפאר וועל איך פון אייך פארלאנגען איר

זאלט זיך צוהערן וואס איך זאג אייך.

אונזער הייליקע תורה איז דערפאר הייליק, ווייל הקדוש ברוך הוא האט זי אונז געגעבן דורך משה רבינו. און פארשטיין דארף מען די תורה דורך די פיר יסודות: פשט, רמז, דרוש און סוד. ווען איר לערנט שיר־השירים בלויז דורך פשט, פארשטייט איר די ווערטער ווי זיי שטייען. דעמאלט דערוועקט זיך אין אייך א צאל קשיות. אבער ווען איר פארשטייט די תורה דורך רמז אדער דרוש און סוד, דעמאלט קענט איר ערשט מודה זיין, אז זי איז מן־השמים.

דא איז אויפגעשפרונגען איינער פון די תנאים, וועלכער איז געווען באקאנט פאר זער אן אפנהערציקן און וואס האט קיין מורא נישט צו פרעגן קשיות אפילו אויפן נשיא:

— רבי, מיטן גרעסטן כבוד צו אייך, ווי איז מען דאס מבייש אזא תלמיד־חכם ווי רבי יהושע בן־חנניה? איך האב דא געהערט פון די חכמים אין אייער אנוועזנהייט, אז „המבזה תלמיד־חכם, אין לו חלק לעולם הבא”. איר זענט דאך זיכער מודה, אז רבי יהושע איז נישט בלויז א תלמיד־חכם, נאר א חכם גדול, וועלכער ווערט פון אלעמען רעספעקטירט; און נאר חכמים מאכן אמאל א טעות. נישטא קיין חכמים זענען אינגאנצן אין טעות!

— איר האט מיך מנצח געווען. געוויס האב איך נישט געטארט מיך אזוי באציען צו אזא גדול בתורה און איך ווייס און פיל, אז דער רבונו־של־עולם וועט מיך דערפאר גוט באשטראפן. אבער א מענטש איז נישט קיין מלאך. עס טרעפן זיך מאמענטן, ווען דער קליגסטער מענטש פארגעסט זיך, אז ווי גרויס ער זאל נישט זיין אין חכמה און שלימות, איז ער דאך בלויז „יסודו מעפר וסופו לעפר”. ווען מען פארגעסט דאס, קומט די נארישקייט און פארנעמט דאס ארט פון דער חכמה. איך בין מיך מודה און איך זוך די געלעגנהייט צו קומען אין בארירונג מיט רבי יהושע בן־חנניה, כדי צו בעטן ביי אים מחילה וסליחה. אבער ער מיידט מיך אויס, און איז גאנץ גערעכט.

יא, וואס האב איך אייך דא געזאלט זאגן, אז שיר־השירים איז ארויס פון שלמה המלך בסודי־סודות, ווי ער וואלט געוואלט מען זאל אים נישט פארשטיין. נאר זייט וויסן, אז דאס מיידל איז דער יצר־הרע, און ער האט אים געמיינט און פארפירט; וואס דאס האט אים שטענדיק פארדראסן הלמאי ער קען נישט באקעמפן דעם יצר־הרע, טראץ דעם וואס מען זאגט אויף אים, אז ער איז דער חכם מכל־אדם. נאר וויסן זיין זאלט איר, אז אין יעדן פסוק פון שיר־השירים ליגן טיפע געדאנקען און הויכע מחשבות. אט נעמט, למשל, דעם פסוק: „אם לא תדעי לך היפה בנשים צאי לך בעקבי הצאן ורעי גדיותיך אל משכנות הרועים”. ווי קומט ער צו זאגן אזא נבואה, וואס האט געטראפן מיט הונדערטער יארן שפעטער, אז א שיינע יידישע טאכטער וועט קלייבן האבער פון אונטער די קאפעטעס פון פערד? איר האט דאך זיכער געהערט פונם גרויסן, יידישן מיליאנער, נקדימון בן־גוריון! ער האט געהאט א טאכטער זער א שיינע. ער פלעגט איר געבן יעדן טאג פיר הונדערט גילדענע רענדלעך, אז זי זאל זיך קויפן קאסמעטיקעס, כדי זי זאל נאך שענער ווערן



ווי זי איז. דערציילן אונזערע חכמים, אז דער תנא רבי אלעזר ברבי צדוק האט זיך געשוואוירן ער זאל אזוי זען די נחמה פון יידישן פאלק ווי ער האט געזען אט דעם עושרס טאכטער אויפקלויבן ארונטערגעפאלענע האבער צווישן די פיס פון פערד, ווייל די רוימער האבן געהאט ביי אים צוגענומען דאס גאנצע פארמעגן זיינס, איבערלאזנדיק אים אן אביון אן א פרוטה צו קויפן עפעס צו עסן. די טאכטער האט דעריבער נישט געהאט קיין ברירה ווי ארויסצוגיין אויפצוקלויבן האבער פון דער ערד, וואו פערד פלעגן שטיין. דערפון האט זי אפגעקאכט א מיטאג פאר זיך און פארן פאטער.

אט דאס איז דער טייטש פון פסוק אין שיר־השירים: „אם לא תדעי לך היפה בנשים, צאי בעקבי הצאן” — עס קאן קומען א צייט, ווען יידן וועלן ווערן געפייניקט. מען וועט ביי זיי צונעמען זייער האב און גוטס, אזוי, אז זיי וועלן נישט האבן קיין מטבע, מיט וואס עפעס צו קויפן צו שטילן דעם הונגער.

ווער קען פארשטיין די טיפקייט פון די געדאנקען, וועלכע שלמה המלך האט אויסגעדריקט אין שיר־השירים? אז שלמה איז געווען א גרויסער חכם, דאס זענען אלע מודה. און א חכם, זאגן די חכמים, איז עדיף מנביא. מיט זיין חכמה קען ער אפטמאל דערגרייכן מער ווי א נביא.

דערציילן אונז ווידער אונזערע חכמים וועגן אט דער טאכטער פון נקדימון בן־גוריונס טאכטער. למשל, רבי יוחנן בן־זאכי דערציילט: „איך בין אמאל געריטן אויף אן אייזל און מיינע תלמידים האבן מיר נאכגעפאלגט. זע איך ווי א מיידל קלויבט אויף האבער צווישן די פיס פון פערד. ווי זי האט מיך דערזען, האט זי פארשארט די האר און זיך געשטעלט פאר מיר. האב איך זי געפרעגט, ‚טאכטער, ווער ביסטו?’ האט זי געשוויגן. ווען איך האב זי נאכאמאל געפרעגט ווער זי איז, האט זי מיר אויסגעזאגט, אז זי איז די טאכטער פון נקדימון בן־גוריון און געבעטן איך זאל איר געבן עפעס צו עסן. זי האט מיך דערמאנט ווי איך בין געווען אן עדות אויף איר כתובה, וואס האט אנטהאלטן א סומע פון טויזנט מאל טויזנט זוז פון איר פאטער, אחוץ פון איר מאן. האב איך מיך צעוויינט און איר געזאגט” ווען יידן נעמען זיך אויפפירן שלעכט, גיט גאט זיי איבער נישט צו נידעריקע פעלקער, נאר צו די בהמות פון די נידעריקערע פעלקער.

און דאס האט שלמה המלך געווארנט מיטן פסוק: „אם לא תצאי לאך היפה בנשים. אזוי קען מען געפינען אין די מגילות, וועלכע איר ווילט פארלענדן, אז קיין אויג זאל זיי נישט זען. פאסירונגען האבן אונז געטראפן און קענען טרעפן, ווי די יידן אין רוים און אין אנדערע לענדער.

מ׳האט נאך געהאלטן ביי פרעגן קשיות דעם נשיא, נאר רבי עקיבא בן־יוסף איז פונקט אנגעקומען. אלע זענען אנטשוויגן געווארן.

— ברוך הבא! — האט דער נשיא זיך אפגערופן און אלע חכמים האבן הויך אויסגעשריגן: ברוך הבא!

איידער רבי עקיבא האט זיך אוועקגעזעצט, האט ער געלאסן א פרעג געטון:

— איר האט אייך מסתמא מפלפל געווען איבער א נייער סברה, וואס דער נשיא האט דא פאר אייך פארגעלייגט, הא?

— ניין, — האט דער נשיא זיך אפגערופן. — מיר האבן דא גערעדט איבערן ענין צי מען זאל האלטן שיר־השירים אין דער גניזה, אז קיין אויג זאל עס נישט זען.

אבער איידער ער האט נאך געקענט ארויסרעדן דאס ווארט קהלת אויך, האט רבי עקיבא זיך א טרייסל געטון און בקול־רם אויסגעשריגן:

— חס־ושלום, שיר־השירים פארלענדן! זאל אונז גאט אפהיטן. אזוי ווי מיר גלויבן, אז אונזער תורה איז קודש, אזוי איז שיר־השירים קודש קדשים!

חיים אלבאם — תל־אביב —

## עס לויפן די יארן

עס לויפן די יארן,
עס פליען די טעג,
פיר און ניינציק געווארן
און ווייטער אין וועג.

און ווייטער און ווייטער,
מיט מער פרישקייט און מוט;
עס וועט נאך זיין לייכטער,
עס וועט נאך זיין גוט.

אויף דעם בעט איך טאג־טעגלעך,
באמי זיך האלטן קאפ הויך;
ביי גאט איז אלץ מעגלעך,
אז ער וויל שיסט א באזעס אויך...

סעם גאלדבערג — לאנדאן

## רחל רעליס — דאס זינגענדיקע פייגעלע

יידישע יונג־פייגעלעך פארן איבער דער וועלט און זינגען ארויס זייערע הארציקע מעלאדיעס, וואס זיי האבן איינגעזויגן פון זייערע הארציקע יידישע מאמעס.

רחל רעליס איז איינע פון אט די זינג־פייגעלעך, וואס האט זיך געמאכט א נעסטעלע אין אמעריקע, וואו זי האט געשפילט יידיש טעאטער און גע־זונגען מיט גרויס הערפאלג.

היות די יידישע וועלט לעבט מיט ניסים, טרעפט טאקע, אז רחל רעליס,



אט די שיינע סאפראנא־זינגערין, ווערט א גאט געבענטשטע מאלערין! פאר אונז, יידישע טעאטער־קינסלער, איז דאס אן ספק געווען א גרויסער סור־פרייז. אירס א בילד פון די זעקס מיליאן קדושים האט אפילו געוואונען דעם ערשטן פרייז.

דאס איז געווען אויף אן אויפשטעלונג אויף דער פינפטער אוועניו, ניו־יארק, וואו זי האט געהאט א גאנצע צאל בילדער, אחוץ דעם, האט זי אויס־געשטעלט בילדער אין דער ארט־גאלערי אויף מעדיסאן אוועניו ווי אויך אין א ריי שטעט און שטעטלעך.

נאך א נס האט רחל רעליס געהאט וואס זי מיט איר מאן האבן איבער־געלעבט היטלערס מארד־לאגערן! זי פארמאגט א פרעכטיק־קלינגענדיקע סאפראנא־שטימע, וואס ביי די אומות־העולם וואלט איר אריינגעבראכט מילי־אנען ממש.

פערזענלעך שטאמט רחל רעליס פון א לעמבערגער חסידישער משפחה. איר פאטער איז געווען א שיינער חסידישער ייד, און אירע ברידער זענען זינגער־חזנים.

אונזער קינסטלערין פירט אויך א פיין, באלעבאטיש הויז, וואס שטייט אפן פאר יידישע שרייבער, אקטיארן און פרייַנט. קומט מען אריין צו איר, איז עס צו רעכענען אויף א פיין מאלצייט, מיט זינגען און רעציטאציעס אין איר פאמיליען־קרייז, אזוי, אז עס איז פשוט א גענוס ביי איר צו פאר־ברענגען אן אוונט.

זאל עס איר באשערט זיין, מיט איר ליבן לעבנס־באגלייטער, צו האבן נאך אסך יארן פון געזונט און הערפאלגרייכער, פרוכטבארער, קינסט־לערישער ארבעט!

## א שטעקעלע אריין, א שטעקעלע ארויס

צו דער דיסקוסיע צי זיך באטייליקן צי נישט זיך באטייליקן אינם יידישן שרייבער־קאנגרעס, קוענדיקן זומער — דער עיקר ס׳זאל זיין שלום און ער זאל פארקומען.

קטונתי! ווי קליין אונזער יידיש איז דא — כמעט אינגאנצן שוין נישטא.

פון די אכצן טויזנט מיטגלידער פונם לאנדאנער יידישן ארבעטער־רינג דא אמאל, פון דעם טומל דעמלט: יידישיסטן, בונדיסטן, קאמוניסטן, זעט מען נאך א פיר־פינף בונדיסטן א צוויי־דריי אנארכיסטן — דעם מזומן קאמוניסטן זעט מען שוין כמעט נישט קיינעם.

לעצטן חודש, אויף דער פועלי־ציון קאנפערענץ, האט מען קיין איין ווארט יידיש נישט געהערט — א פלועק אין דער משפחה!

און ווי האלט עס דא מיט די יידישיסטן? אז אך און וויי צו אונזער לייב און לעבן!

וועט מען דאך, מסתם, קומען צו דער החלטה: אויב אזוי, דארף מען דאך דעם גאנצן עסק נישט — — איז וואס־זשע דרייט מען נאך א ספאדיק?

אמת, די קאמוניסטן דא דארפן עס שוין נישט. די ציוניסטן דא דארפן עס שוין לאנג נישט — לעצטנס האט מען שוין דאס שעם־היטל אינגאנצן אויס־געטון.

דער גאנצער ענין יידיש דרייט זיך נאך דא ארום א ספאדיק!

חסידישע יידן ווייסן נאך דעם תוך און כוח פון יידיש — און יידיש זיינען מיר אויסגעשפילט — זיי האבן חדרים, ישיבות, חסידים־שטיבלעך. עס קאכט מיט יידישקייט, מיט יידישן ניגון, מיט יידישן גלייכווערטל.

אן יידיש וועט נאך בלייבן אין מלכות־ענגלאנד א סעקטע פון כשר־מיטעסערס — אויך דאס איז שוין פוחת והולך.

* * *

אמת, עס טאגט שוין אויך ביי אונז! אבער דאך האט ווינטשעווסקי און ראזענפעלד פונדאנען ארויסגעטראגן דאס יידישע ארבעטער־ליד, און ברענער, מיט זיין „המעורר", האט דערוועקט די ליבשאפט צו הארעפאש־ניקייט.

יא, אן דעם יידישלעכן ווייטשעפלער עולם עס וואלט הערצלס „יודענ־שטאאט" צו דער באלפור־דעקלעראציע נישט דערגאנגען.

און פאר וויפל יידישע שעפערישע שרייבער און פאעטן איז דער ישוב דא נישט געווען דעם שפרינג־ברעט אין דער וועלט אריין?

און די פליגללאזע, וואס זיינען דא שטעקן געבליבן, די דערשטיקטע אין די ווייטשעפלער פאנעס, צי וועט מען זיי דען נישט מוזן אויסגראבן אמאל?

הונדערט יידישע געסלעך צעזונגען מיט יידישע טעאטער און פאלקס־לידער, באגלייט פון די זינגערס ניי־מאשינען. די פולע זאלן ביי לעקציעס און פארזאמלונגען.

צענדליקער טויזנטער יידן, איינגעשפאנטע חמור למשא אין די שניידער־

דא אין ווייטשעפל האט אהרן ליבערמאן, מיט הונדערט יאר צוריק, אויפגעשריבן די סטאטוטן פון א יידישער ארבעטער־פארטיי.

איך האב נאך געהערט אין הייד־פארק א וואך פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין 1939,—ווען א היטלעריסט האט געהעצט קעגן יידן—„זעט", האט א רעדנער אויסגעשריגן, „יעדן טאג גייען ארויס אין ווייטשעפל זעכציק טויזנט יידן צו דער ארבעט!" און דער אנטיסעמיט איז שטום געווארן.

* * *

אמת, דאס יידישלעכע ווייטשעפל עקזיסטירט נישט מער, נישט דאס פראלעטארישע און נישט דאס מחזיקי־הדתדיקע, נישט קיין חסידים־שטיבל — אפילו דער ווייטשעפלער מארק איז שוין נישט דאס! אבער וויפל מאל



אין טאג איך גיי אראפ דא פון מיין געסל אויף דער ברייטער ווייטשעפלער גאס ארויס, ווערט מיין יידיש דאך אויפגעפרישט, טרעפנדיק אן אלטע באר־עדעוודיקע יידינע, וואס פערל שיטן זיך איר פונם אנצייענדיקן מויל — אזעלכע באהנטע פאלקלאר־ווערטער, אז דאס הארץ גייט אזש אויף. פון אירע אויגן קוקט ממש די שעפערישקייט ארויס — און דער טאג איז שוין „כי טוב" —

אריינקומענדיק אין קאפע, זיצט א ייד און טרינקט זיין „קאפיטי" איידער ער גייט צו דער ארבעט; א שוין דא געבוירענער, א דריי און אכציק יעריקער; עד מאה ועשרים.

אכט ברידער זיינען זיי געווען. זעקס זיינען געווען סאלדאטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער יונגסטער איז נאך אמאל געגאנגען, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה אריין, און איז שוין נישט אהיימגעקומען מער.

איך פרעג אים צי ער קען יידיש. — „ניין", אפילו נישט די אותיות אין סידור. אבער זיין אור־איניקל גייט אין חדר אריין און רעדט יידיש.

אויפשטייענדיק, איילנדיק זיך „צו לויפן" צו דער ארבעט, בייגט ער זיך אראפ צו מיר און מיט שטאלץ דערציילט ער: גייענדיק יענע וואך צום „קענאטאף" צום „יזכור" פון וואפנשטילשטאנד ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האט מען אים געשטעלט אין דער ערשטער שורה, ווייל ס'איז שוין נישטא קיין סך פון זיין „יאר־גאנג".

מסתם זיינען אויך שוין נישט קיין סך ווייטשעפלער אור־איניקלעך, וואס ריידן נאך יידיש . . . אבער אז ס'איז נאך דא כאטש עפעס, קאן דאך די ברכה נאך אריינקומען.

יא, אין דעם זכות, מסתם, וועלן מיר אויך נאך זוכה זיין זיך צו בא־טייליקן אינם אלוועלטלעכן יידישן שרייבער־קאנגרעס, וואס וועט אי"ה, אין קומענדיקן זומער זיין אין ארץ־ישראל —

* * *

נישט בחינם זיינען מיר,
אויף אינזל דא געוועזן —
אין טויזנטער יארן נאך,
וועט מען, ווי פון א כורש,
פון א באלפור דא לעזן.

פון א טשערטשל היטלערן,
געטון טוען באזיגן!
ווער ווייסט פון מאסקווע, ניויארק,
צי מ'וועט נאך דעמלט וויסן — —
אבער פון אינזל היגן!

יא, אפילו פון אונזער
שוין צעקראכן ווייטשעפל,
ווייל עס איז דאך געווען
צו דיר י־רו־ש־ל־ים
ארויפצוגיין א טרעפל.

מיט לייב און לעבן פארקניפט
צוריק דיך אראפבראנגען,
של־מעלהדיק אויף דער ערד — —
ווי טיף געבלוטיקט איבער,
אלע „בריינען" און „לענגען".

* * *

. . . אויסגעמאסטן גאנצע ערד,
מ׳מעסט די הייליקע ערטער;
טרערן שטערן צעפונקלט,
טורעמדיק דיך אויפגעבויט,
מיט די הימלישסטע ווערטער.

אלעמענס אויגן, איינציקער,
צו דיר זיך אויפגעהויבן,
און אין זייער צער געהאט,
צו וועם צו בעטן און אין,
גרויס פרייד וועמען צו לויבן.

פרייטיק פאר ליכט־בענטשן,
אין „בעל נס" לעצטן גראשן
מאמע אריינגעווארפן —
גאס הארץ פון גנאד צעגעגאנגען,
געהערט איר מענה־לשון —

ווו דיך נישט מיטגעטראגן?
הייליקסטע פון די ערטער
גאס־שטאט, י־רו־ש־ל־ים — —
איין איינציקער ס׳טראגט מיט זיך,
איי־ן׳איינציקער באשערטער.

* * *

פריינט פון יידיש לשון האט באשלאסן צוזאם מיט שרייבער און זשור־
נאליסטן פעראיין ארויפצוגיין קיין ירושלים צום יידיש־קאנגרעס און מיר האפן
אז אויך די יידישיסטן אין רומעניע און פוילן און אין סאוויעט־רוסלאנד,
ביז דעמלט, יולי 1975 וועלן שוין אויך זיין גרייט.
האט דאך שוין מיט קנאפע 70 יאר צוריק אונזער גרויסער פרץ גע־



פסקט, אז יידיש איז א נאציאנאלע שפראך.
נו, איז טאקע אונזער מאמע לשון א „לשון לועזית" — א ציטער נעמט
ארום, אז מען דערמאנט זיך אין תהילים פסוק „מעם לועז".
אבער יעצט איז נאך דערווייל דא נאך א פריערער פסוק: אל „תרגזו
בדרך" — און די ביידע פסוקים דערמאנען מיר זיך איצט אין דער חנוכה וואך.
יעצט ווען אזויפיל פעלקער זייען ווידער קעגן אונז מוזן מיר זיין כאיש
אחד, על כל פנים דער „ריב הלשון" מוז קודם אויפהערן —
„החיים והמות ביד הלשון"! דאס איז אויך דאכט זיך א געזונטער פסוק.
צו רייסן זיך ביי די בערד, וועלן מיר נאך געניג צייט האבן, — אין אונזער
לאנגער אומשטערבלעכקייט! — ווען ס׳וועט שוין שלום ושלוה.
איז דען נישט דאס דווקא דער סימן־מובהק פון דער יידיש־שעפעריש־
קייט, דאס וואס זי נעמט אונז ארום ווי א רייף א צעשאטן פאס דעם גאנצן
כדור־הארץ און פון די הייסע ראנגלעניש אונזערע אומעטום קעלטערט זיך
אויס דעם מענטשס געוויין אין אלטן לייטערן ווין —

* * *

דער נומער האט געזאלט ארויסקומען צו חנוכה, אבער ער וועט ערשט
דערשיינען נאך עשרה־בטבת; דאס „נעמלכע" איז אויך געשען פאר־א־יאר
— ס׳גייט נישט מער רעגלמעסיק . . .
געטראכט דעם זשורנאל אויפהערן צו רופן א חודשניק, אים משנה־שם
זיין אויף א פערטל־יאריק — אבער עס פעלט שוין דאס שטיקל אמונה אפילו,
אז שינוי השם וועט העלפן.
דעריבער זאל עס טאקע גיין ווי עס גייט, דער עיקר דער זשורנאל
זאל ווייטער ארויסגיין און אונזער ביסל ארבעט זאל ווייטער אנגיין — אמן.

* * *

אז איר וועט מיך געפינען א טויטן,
זאלט איר וויסן אז אונטער מיין מאטראץ,
ליגט א טייסלער פול אנגעשטאפט מיט געלט — —
דארף איך אייך זאגן וואס ר׳זאלט טון דערמיט?
געגנוגזשע, אז איך זאג אייך ווו ער ליגט!

✶

דווקא אויף להכעיס ווידער אויפשטיין,
ווייל די מאטניא כ׳פארגין אייך נישט? א ביין!
עס ווילט פשוט נישט אומשטערבלעך זיין — —
קטונתי, זיין פיטשעדיק פון קליין,
אבי מיט ברעקל בראך־ארבעט אנגיין.

* * *

עשרה־בטבת תשל״ה

ס׳וואנדער וואלקנס ווייט פון מערב,
שלעפן מיט זיך קרעמאטאריעס מיט רויך — —
שטיי איך ביי מיין שויב, גרוי־פארשטויבטער,

אטעמס איין מיט מיין יעדן העך און הויך.

OSHN UN LEB
1971-1974
L.C.

האבן מיר דאך, וואנדערנדיקע,
לעצטן אטעם נאך אהער מיטגעבראכט;
מיט מיין אויפגעהויבענעם בליק כ׳זע
אויף די וואלקנס אונזער טרער ליכטיק העננגט.

ס׳ציען כמארעס אהין נאך מזרח,
אנגעשוואלן פון טרערן אזוי שווער;
כ׳שטיי ביים פעסטער שעפטשע סליחותדיק,
נעמט דאך אייך מיט פון מיין אויג די טרער:

עס טראגן דאך די וואלקנס אין זיך
נישט נאר רעגנבויגנס — דונער און בליץ!
באוויזן דאך אזא „צייכן״ אייך איצט,
און די וועלט פונם בלוט־מבול באשיץ.

„אדער קאנסט דו נאר פון א וואסער־ —
פון בלוט־מבול זיך שיצן — מ׳מוז אליין?״
אראפגעפאלן פון א וואלקן,
ביי פארשטויבטע שויב כ׳בלייב שטיין — גרויער שטיין.

* * *

## ליבער פריינט וואזעק, מיין פריינט נאך פון די אלטע צייטן,

מיר, מיין פרוי און איך, באגריסן אייך הארציק, מיין לערער שמעון וואזעק, צו אייער ווערן א בן־שמונים; דאס הייסט צו אייער דערגרייכן צו „גבורות״!

עד היום שטאלציר איך, וואס בין געווען איינער פון אייערע תלמידים, וועמען איר האט געלערנט נגינה און נאטן־שרייבן. אייך איז אונז נאך אלץ אנגענעם זיך צו דערמאנען ווי איר פלעגט אייך באטייליקן און מיטהעלפן דעם „הזמיר״־פאריין אין די געזאנג־אוונטן און טעאטער־פארשטעלונגען.

צוזאמען מיט אייך באדויערן מיר דעם פארלוסט פון אייער פרוי. די ידיעה פון איר טויט האט ביי אונז ארויסגערופן אסך טרויער און מיט־לייד מיט אייך. ווינטשן מיר אייך טאקע, אז איר זאלט מער פון קיין צער נישט וויסן.

וואס שייך אייך פערזענלעך, וואס נאך קאנען מיר אייך ווינטשן ווי עד מאה ועשרים און יארן פון נאך שעפערישקייט!



נעמט זשע אן, ליבער פריינט, אינזער מיטגעפיל מיט אייך און אונזערע גוטע וואונטשן אויף להבא.

— געצייכנט — יוסף גרינבערג און פרוי,

אייערע אלטע פריינט, וואס ווען אייך קיינמאל נישט פארגעסן, אויך אייער נייער פריינט שרייבט אונטער דאס בריוול מיט א סך ברכות.
א. נ. שטענצל



### יוסף לעפטוויטשן

צום דערשיינען פון זיין אנטעלאגיע פון דער יידישער ליטעראטור ביים ענגליש פען־קלוב.

צו יענעם טאג, ווען דער עגל געמאכט,
„דער דאזיקער געגליכן זאל זיין,
ווען די תורה אויף גריכיש ווערט פארטייטש״.
וויאזוי איז אזוינס צו פארשטיין?

אבער צי האט נישט גאט אליין געזאגט:
„הלואי זיי וואלטן מיך פארלאזט,
נאר מיין תורה זיי וואלטן געהאלטן״?
דאס מסתם דער פשט פשוט און פראסט.

יוסף הלל לעווי

# נס-חנוכה

פון א ציטערדיקער האנט,
ווערט דער חושך טיף געדיכט,
דורכגעשניטן מיט א ליכט —
ווי דאס גלאז מיט א דיאמאנט . . .

פון א הייליק זיסן קול,
און א סאמעט־ווייכער קעל
ווערט דער היינט אזוי דא העל —
ווי דער גאלדענער אמאל . . .

מעג דער חושך זיין געדיכט,
פאר נויט אין יעדן הויז,
קנאה, שנאה, אלץ באגלייטן;

וועט מיט ליבע ס׳חנוכה־ליכט —
קיינמאל זיך ניט לעשן אויס,
לייכטן איבער אלע צייטן!






TOWER
HAMLETS
LIBRARIES